STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02810

TORKVATO TASO

Johann Wolfgang von Goethe

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בינה צעשינסקי ביבליאטעק

וו. פ. געטע

טארקוואטא טאסא

דראמע אין 5 אקטן

יידיש: ד. קעניגסבערג

ווארשע	פארלאג די צייט	1923

ו. פֿ. געטע

טאָרקוואַטאָ טאַסאָ

דראַמע אין 5 אַקטן.

ייִדיש: ד. קעניגסבערג.

פ א ר ל א ג ד י צ ײ ט
װ אַ ר ש ע
1923

נאָכדרוק פֿאַרבאָטן.

Copyright 1923
by Sol Sheikewitz
New-Jork.

געדרוקט אין
דרוקעריי
„די וועלט"
ווארשע, נאָוואָליפּיע 7.

פערזאָנען:

אַלפאָנס דער צווייטער — הערצאָג פון פערראַראַ

לעאָנאָרע פון עסטע — דעם הערצאָגס שוועסטער

לעאָנאָרע סאַנוויטאַלע — גרעפין פון סקאַנדיאַנאָ

טאָרקוואַטאָ טאַססאָ

אַנטאָניאָ מאָנטעקאַטינאָ — מלוכה־סעקרעטאַר

אָרט: בעלריגוואַרדאָ, אַ לוסט־שלאָס.

ערשטער אַקט.

אַ גאָרטנפּלאַץ מיט הערמען פון עפּישע דיכטער געצירט. בײַ דער סצענע פ־
פאָרנט: רעכטס ווירגיל; לינקס אַריאָסט.

ערשטע סצענע.

פּרינצעסין, לעאָנאָרע.

פּרינצעסין

קוקסט מיך אָן מיט אַ שמייכל, לעאָנאָרע,
און קוקסט אויף זיך אַליין און שמייכלסט ווידער.
וואָס איז דען? לאָז אַ חברטע עס וויסן!
זעסט־אויס פאַרטראַכט, דאָך זעסטו אויס דערפרייט.

לעאָנאָרע

מיין פּירשטין, יאָ, כ׳האָב נחת, אַז איך זע
אונדזביידע דאָ אין טראַכט פון דאָרפישע מיידלעך.
מיר זעען אויס באַגליקטע פּאַסטושקעס,
און זענען אויך מיט דעם וואָס זיי פאַרנומען.
מיר פלעכטן קרענץ. פילפאַרבעדיק פון בלומען,
וואַקסט דער, אַלץ מער, אַלץ גרעסער אין מיין האַנט.
דו מיט אַ העכערן חוש און מיט אַ גרעסער האַרץ
האָסט זיך דעם וווקסיקן לאָרבער צוגעוויילט.

פּרינצעסין

דער קראַנץ, וואָס כ׳האָב פֿאַרטראַכטערהייט געפֿלאָכטן,
האָט באַלד אַ פֿאַסנדיקן קאָפּ געפֿונען.
איך לייג אים דאַנקבאַר אויף ווירגיליוס שלעף

(זי באַקראַנצט די הערמע פֿון ווירגיל.)

לעאָנאָ־ע

לייג איך מײַן ליכטיקן און פֿולן קראַנץ
דעם מייסטער לודוויק אויף זיין הויכן שטערן —

(זי באַקראַנצט די הערמע פֿון אריאָסט.)

ער, וואָס זיין שפּיל, וועט קיינמאָל נישט פֿאַרבלײַען,
זאָל האָבן גלייך זיין טייל פֿון נייעם פֿרילינג.

פּרינצעסין

דאָס האָט מיין ברודער אונדז צוליב געטון,
וואָס ער האָט איצט שוין אונדז אַהער געבראַכט.
מיר קאָנען זיין מיט זיך און שעהן־לאַנג
זיך אין די דיכטערס גאָלדנער צייט פֿאַרטיפֿן.
כ׳האָב בעלריגוואַרדאָ ליב, ווייל דאָ האָב איך
נישט איין־טאָג פֿון מיין יוגנט שיין פֿאַרבראַכט.
און אָט דאָס נייע גרינס און אָט די זון
דערוועקט אין מיר ס׳געפֿיל פֿון יענער צייט.

לעאָנאָרע

יאָ; ס׳רינגלט אונדז אַרום אַ נייע וועלט! —
דער שאָטן פֿון די אייביק־גרינע ביימער
פֿאַרשאַפֿט הנאה שוין, און פֿריש דערקוויקט
דאָס רוישן פֿון די ברונעס. ס׳וויגן־זיך,
באַוועגט פֿון מאָרגנווינט, די יונגע צווייגן.
די בלומען פֿון די בייטן קוקן אונדז
מיט קינדערישע אויגן פֿריינטלעך אָן.
פֿון די ציטרינען און מאַראַנצן נעמט

דער גערטנער שוין דאָס ווינטערהויז אַראָפּ.
עס רוט דער בלאָער הימל איבער אונדז,
און באַ דעם האָריזאָנט וועפּט אויס דער שניי
פון יענע בערגער דאָרט אין דינעם דופט.

פרינצעסין

דער פרילינג וואָלט מיר זיין אַ ליבער גאַסט,
ווען ער וואָלט נישט מיין חברטע אַנטפירט.

לעאָנאָרע

דערמאָן נישט, פירשטין, אין די זיסע שעהן,
ווי גיך מיר וועלן מוזן זיך מיט דיר צעשיידן.

פרינצעסין

וואָס דו לאָזט איבער דאָ, דאָס וועסטו דאָרט
געפינען טאָפּל אין דער גרויסער שטאָט.

לעאָנאָרע

עס רופט דער חוב, עס רופט די ליבע מיך
צום מאַן, פון וועלכן כ'האָלט צו לאַנג מיך ווייט.
איך ברענג צו אים זיין זון, וואָס איז דאָס יאָר
געוואַקסן שנעל און שנעל זיך אויסגעבילדעט
און טייל מיט אים זיך אין זיין עלטערן-נחת.
גרויס איז פלאָרענץ און הערלעך, נאָר דער ווערט
פון אַלע אוצרות, וואָס פלאָרענץ פאַרמאָגט
קומט נישט צו ד'איידל-שטיינער פון פעררארא.
ס'איז יענע שטאָט נאָר דורך זיין פאָלק אַ שטאָט,
פעררארא איז דורך זיינע פירשטן גרויס.

פרינצעסין

מער דורך די גוטע מענטשן, וואָס דער צופאַל
האָט דאָ צונאַנדגעפירט און ס'גליק פאַרבונדן.

לעאָנאָרע

זייער לייכט צעשיט דער צופאַל, וואָסער זאַמלט.

אַן איידלער מענטש צ־ט איידלע מענטשן צו
און קאָן זיי האַלטן פֿעסט, אַזוי ווי א־ר טוט.
אַרום דיין ברודער בינדן, אַרום דיר
אַזוינע הערצער זיך, ווי איך שטייט אָן,
און איר זענט אײַערע גרויסע אָבות ווערט.
דאָ האָט שוין אויפֿגעשיינט דאָס שיינע ליכט
פֿון ווײסנשאַפֿט און פֿון דער פֿרייער חקירה,
ווען עם־הארצות האָט מיט שווערע שלייערס
די וועלט אַרום פֿאַרהילט. כ'האָב קינדווייז נאָך
דעם שם פֿון הערקולעס פֿון עסטע שוין,
שוין היפּאָליט פֿון עסטעס שם פֿאַרנומען.
מיין פֿאָטער האָט פֿערראַראַ אויסגעליבט
אינאיינעם מיט פֿלאָרענץ און רוים. נישט איינמאָל
האָב איך אַהין געוואָלט. איצט בין איך דאָ.
דאָ האָט פּעטראַרקאַ זיך פֿאַרווײלט. דאָ האָט
געפֿונען זיינע העלדן אַריאָסט.
ס'איז אין איטאַליע נישט געווען קיין גאון,
וואָס אים האָט נישט דאָס הויז צו גאַסט געהאַט.
און לויבן לוינט עס זיך דעם געניוס
מהנה זיין. גיסט דו אים אַ מתּנה,
לאָזט ער דיר איבער נאָך אַ שענערע.
דאָס אָרט, וואָס ס'האָט אַ גוטער מענטש באַטרעטן,
איז הייליק. זיינע ווערק און ווערטער קלינגען
דעם אייניקל נאָך ביז אין די ווייטע דורות.

פּרינצעסין

דעם אייניקל, וואָס פֿילט הייס אַזוי ווי דו.
כ'בין אָפֿט מקנא דיך מיטן דאָזיקן גליק.

לעאָנאָרע

וואָס דו געניסט, ווי ווייניק אַנד'רע, שטיל
און ריין. מיך טרייבט דאָס פֿולע האַרץ דאָך תּיכּף
אַרויסצוזאָגן, וואָס איך טו אַ פֿיל.
דו פֿילסט עס בעסער, פֿילסט עס טיף — און שווייגסט.

דיך בלענדט נישט די לפנימדיקע רגע,
דער וויץ קויפט דיך נישט אונטער, און די חניפה
גלעט זיך אומזיסט מיט קונצן צו דיין אויער.
פעסט בלייבט דיין שכל, ריכטיק דיין געשמאַק,
דיין משפט גלייך און שטענדיק גרויס דיין טייל
אינם גרויסן, וואָס דערקענסט, ווי זיך אַליין.

פרינצעסין

דו וואָלסט באַדאַרפט די דאָזיקע חניפה
נישט אונטערן מאַנטל פון גוטפריינטשאַפט געבן.

לעאָנאָרע

די פריינטשאַפט איז גערעכט, נאָר זי אַליין
קאָן דעם פאַרנעם פון דיין באַטייט דערקענען.
און זאָל איך דער געלעגנהייט, דעם מזל
אויך זייער חלק אין דיין בילדונג געבן,
דו האָסט זי פאָרט די בילדונג סוף-כל-סוף.
דיר מיט דיין שוועסטער גיט די וועלט אָפ כבוד
פאַר אַלע גרויסע פרויען פון אייער צייט.

פרינצעסין

וואָס מאַכט דאָס בא מיר אויס דען, לעאָנאָרע,
ווען איך באַרעכן-מיך, ווי ווייניק מ'איז,
און וואָס מען איז, דאָס איז מען אַ דאַנק אַנדערע.
וואָס כ'קען פון ד'אלטע שפּראַכן און פון בעסטן
פון דער פאַרגאַנגנהייט, דאַנק איך דער מוטער.
דאָך קיינע פון די ביידע טעכטער קאָן
זיך איר אין וויסנשאַפט און חכמה גלייכן.
און אויב עס קאָן זיך איינע יאָ איר גלייכן,
האָט זיכער נאָר לוקרעציאַ דאָס רעכט.
און כ'קאָן דיר זאָגן, קיינמאָל האָב איך נישט,
וואָס ס'האָט די טבע מיר, צי וואָס דאָס גורל
האָט מיר באַשערט, באַטראַכט פאַר אַ חזקה.
איך פריי מיך, ווען צוויי קלוגע מענער רעדן,

אַז מיר איז אויך פֿאַרשטענדלעך, וואָס זיי מיינען
צי ס׳איז אַ משפּט איבער וועלכן מאַן
פֿון ד׳אַלטע צייטן און די מעשׂים זיינע.
צו ס׳איז די רייד פֿון וועלכער וויסנשאַפֿט,
וואָס דורך געניטשאַפֿט ווייטער אויסגעברייט,
ברענגט זי אַ נוצן און דערהייבט דעם מענטשן.
און ווו אַרום עס דרייט זיך נאָר דער שמוס
פֿון ד׳איידלע, גיי איך נאָך אים. ס׳איז מיר לייכט
כ׳הער גערן אַ וויכּוח פֿון די קלוגע,
ווען מיט די כּחות, וואָס דעם מענטשנס ברוסט
באַוועגן אַזוי ליב און אַזוי שרעקלעך,
שפּילט זיך דעם רעדערס ליפּ מיט גראַציע;
און ווען אַ פֿירשטינס שטרעבן נאָך אַ שם,
נאָך ברייטערן באַזיץ, גיט פֿאַר מחשבֿות
דעם מח שטאָף, און ווען די פֿיינע קלוגשאַפֿט
פֿון וועלכן קלוגן איידל אויסגעבראַכט,
באַלערנט אונדז, שטאָט אָפּצונאַרן אונדז.

לעאָנאָרע

דערנאָך נאָך אַזאַ ערנסטער פֿאַרווײַלונג,
רוט אונדזער אויער און אינעווייניקער חוש
גאָר ליבלעך זיך באַם דיכטערס גראַמען אויס,
וואָס גיסט דו העכסטע, הייליקסטע געפֿילן
מיט זיסע טענער אין נשמה אונדז.
דיין הויכער גייסט פֿאַרנעמט אַ וועלט-מלוכה,
מיר זענען נאָר די לאָרבערוועלדלעך ניחא
אין יענעם לאַנד פֿון דער פּאָעזיע.

פרינצעסין

אויף יענער שיינער אינזל, האָט מען מיר
דערציילט, דאָרט וואַקסט פֿאַר אַלע אַנדרע ביימער
די מירט אַמבעסטן. און וויוויל עס זענען
אַזויפֿיל מוזען דאָרט, דאָך זוכט מען נישט
אַזוי אַ חברטע צווישן זיי,

ווי גערן מען באַגעגנט דאָרט דעם דיכטער,
וואָס מיידט אונדז, ווי ס'ווייזט אָויס, אַנטלויפט
פאַר אונדז,
ווייזט-אָויס צו זוכן, וואָס מיר קענען נישט,
און ער ג'הער עס אפשר אַליין נישט קענען.
טאָ וואָלט גאַנץ שיין געווען, ווען ער וואָלט אונדז
באַגעגענט אין אַ גוטער שעה אָון אין
התפעלות אונדז דערקענט פאַר יענעם אוצר,
וואָס ער האָט לאַנג אומזיסט אַרומגעזוכט.

לעאָנאָרע

איך מוז דיין וויצשפיל לאָזן זיך געפעלן,
דאָס טרעפט מיר צו, דאָך טרעפט עס מיך נישט
טיף
כ'גיב כבוד יעדן מאַן לויט ער פאַרדינט,
און קעגן טאַסאָ בין איך בלויז גערעכט.
זיין אויג פאַרווײַלט זיך קוים אויף אונדזער ערד;
זיין אויר פאַרנעמט דער טבעס האַרמאָני;
וואָס ס'גיט דער עבר, וואָס דאָס לעבן שענקט,
זיין בוזעם נעמט עס גלייך און גערן אויף.
דאָס ווייט צעוואָרפענע פאַרבינדט זיין האַרץ,
און זיין געפיל באַלעבט דאָס נישט באַלעבטע.
ער איידלט, וואָס ס'האָט אויסגעוויזן מיאוס,
און ס'העכסט געשאַצטע ווערט פאַר אים צו נישט.
אין דאָזיקן אייגנעם כשופראָד גייט-אום
דער וווּנדערבאַרער מאַן און ציט אונדז צו
מיט אים צו גיין, אין אים זיך איינצולעבן:
ס'ווייזט-אויס, ער קומט צו אונדז און איז דאָך ווייט;
ס'ווייזט-אויס, ער קוקט אונדז אָן, און ס'געהערן אים
אויף אונדזער אָרט זיך הימלסקינדער דאַכטן.

פרינצעסין

דו האָסט געמאָלט גאָר פיין און צאַרט דעם דיכטער
וואָס שוועבט אין מלכות פון די זיסע טרוימען.

נאָר מיר ווייזט אויס, אַז אויכעט דאָס רעאַלע
ציט אים מיט כּח צו און האַלט אים פעסט.
די שיינע לידער, וואָס מיר טרעפן זיי —
פון צייט צו צייט אויף אונדזערעביימער הענגען,
וואָס, ווי העספעריענס גאָלדנע עפּלען,
מיט זייער דופט אונדז בילדן, זענען זיי
נישט טײַערע פּירות פון אַ ליבע ממש?

לעאָנאָרע

איך פריי־מיך מיט די שיינע בלעטער אויך.
מיט אַלע מיטלען פון זיין רייכער קונסט
דערהייבט זיין גייסט אַ בילד אין זיינע לידער.
באַלד לאָזט ער עס אין העלן שטראַלנשיין
אין הימל שוועבן, בוקט־זיך פאַר דעם בילד
אַזוי ווי איבער וואָלקנס די מלאכים.
ער גייט אים נאָך נאָכדעם דורך שטילע וועגן
און פלעכט אַ יעדער בלימעל צו אַ קראַנץ.
דערווייטערט זי זיך, היילקט ער דעם שטעג,
וואָס אים האָט זאַכט איר שיינער פוס באַטרעטן.
אין קוסט באַהאַלטן, ווי די נאַכטיגאַל,
פאַרפולט ער פון אַ ליבע־קראַנקן בוזעם
מיטן וווילקלאַנג פוף זיין קלאָג־ליד וואַלד און
לופטן.
זיין האַרציק לייד, זיין זיסער אומעט כּשופט
אַ יעדעס אויר, און יעדעס האַרץ מוז נאָך —

פּרינצעסין

און ווען ער רופט דאָס בילד זיינס ווי עס הייסט,
דאַן גיט ער אים דעם נאָמען, לעאָנאָרע.

לעאָנאָרע

דער נאָמען איז גלייך דיין אַזוי ווי מיין.
ס'וואָלט מיך פאַרדראָסן, ס'זאָל אַן אַנדרער זיין.
איך פריי מיך, וואָס אין דאָזיקן טאָפּל־זין

קאָן ער פאַרשטעלן זיין געפיל פאַר דיר.
איך בין צופרידן, וואָס אויך מיך געדענקט
זיין הארץ באַם זיסן וויל־קלאַנג פון דיין נאָמען.
די שאלה איז נישט פון א ליבע דאָ,
וואָס וויל פאַר זיך געווינען זיין אָביעקט,
אים גאַנץ אַליין צו האָבן, און מיט קנאה
פאַרוווערן יעדערן אים אָנצוקוקן.
ווען ער איז, אין זיין גליקליכער באַטראַכטונג
פון דיין ווערט דורכגענומען, געהער ער אויך
מיט מיר און מיט מיין לייכטערן גייסט זיך פרייען.
ער ליבט נישט אונדז, — פאַרגיב, וואָס כ'רעד עס
אויס! —
פון אַלע ספערן ברענגט ער, וואָס ער ליבט,
אַראָפּ אויפן איינציקן נאָמען, אונדזער נאָמען,
ער גיט אונדז איבער זיין געפיל; אונדז דאַכט,
אַז דאָס ליב' מיר דעם מאַן, און ליבן נאָר
מיט אים דאָס העכסטע, וואָס מיר קאָנען ליבן.

פרינצעסין

דו האָסט דיך אין דער דאָז'קער וויסנשאַפט
אַריינגעלאָזן, לעאָנאָרע, זאָגסט מיר זאַכן,
וואָס רירן מיר כּמעט נאָר אָן דאָס אויער
און קאָנען קוים אַריבער אין נשמה.

לעאָנאָרע

תּלמידית דו פון פּלאַטאָ! דו, נישט משיג,
וואָס ס'וואַגט פאַר דיר אַן אָנהייבער צו פּלאַפּלען?
נישט אַנדערש, סיידן כ'בין צופיל מיך טועה;
דאָך כ'בלאָנדזשע אויך נישט גאַנץ, איך ווייס עס וויל.
אין יענער ליבער לערע, ווייזט די ליבע
זיך נישט ווי תּמיד אַלס פאַרצויגן קינד;
דאָס איז דאָס יינגל, וואָס האָט זיך מיט פּסיכען
באַהעפט, און האָט אין געטער־סיים זיין שטול
און דעה שוין. ער וואַרפט זיך נישט פאַרשייט

פון איין ברוסט צו דער אנדערער אריבער.
ער בינדט נישט באלד צו שיינקייט פון געשטאלט
מיט זיסן טעות זיך און צאלט אויך נישט
פארן גיך פארלאשנעם שכרות מיט פארדראס.

פרינצעסין

אט קומט מיין ברודער! לאמיר אים נישט ווייזן,
ווו אונדזער שמוס האט ווידער זיך פארגאנגען:
מיר וואלטן מוזן זיין געלעכטער הערן,
אזוי ווי ר׳האט געשפעט פון אונדזער טראכט.

צווייטע סצענע.

די פריערדיקע, אלפאנס

אלפאנס

איך זוך טאססאן, געפין אים נישט אין ערגיץ,
און טרעף אים נישט אפילו דא ביי אייך.
קאנט איר פון אים מיר קיין ידיעה געבן?

פרינצעסין

איך האב אים נעכטן קוים געזען, היינט נישט.

אלפאנס

ס׳איז זיין חיסרון שוין, וואס שטענדיק זוכט
ער מער די איינזאמקייט ווי די געזעלשאפט.
בין איך אים מוחל, ווען ער לויפט אוועק
פון מענטשן־טומל און וויל ליבער פריי
זיך ביחידות מיט זיין גייסט פארווײלן,
קאן איך נישט לויבן, ווען ער מיידט אפילו
דאס רעדל, ווו עס טרעפן זיך די פריינט.

לעאנארע

אויב כ׳האב קיין טעות, וועסטו באלד, א פירשט,

די שטראָפרייד צו אַ פרײלעך לויב פאַרקערן.
איך האָב אים היינט געזעען: ר'האָט געהאַלטן
אַ טאָוול און האָט גייענדיק געשריבן.
אַ וואָרט, וואָס ר'האָט אין פלוג געזאָגט מיר נעכטן,
לאָזט דרינגען מיך, אַז פאַרטיק איז זיין ווערק.
ער זאָרגט נאָר קליינע שטריכער אויסצובעסערן,
כדי דיין גנאָד, וואָס שענקט אַזויפיל אים,
אַ ווירדיקע מתּנה צוצוטראָגן.

אַלפאָנס

ער זאָל דאָ הארציק אויפגענומען ווערן
און פרייגעלאָזן אויף אַ לאַנגער צייט.
אַזויפיל ס'האָט מיין אינטערעס פאַרנומען,
און ווי איך פריי מיך מיט דעם גרויסן ווערק
אויף יעדן אופן, און איך מוז מיך פרייען, —
אַזוי וואַקסט זינט אַ צייט מיין אומגעדולד.
ער קאָן נישט ענדיקן, ער ווערט נישט פאַרטיק,
ער אַנדערשט איבער אַלץ, ער רוקט זיך קוים,
בלייבט ווידער שטיין און נאַרט די האָפענונג.
מ'ווערט אָן דעם חשק, ווען דערווייטערט ווערט
דער פרייד-מאָמענט, וואָס מ'האָט געמיינט ר'איז נאָנט.

פרינצעסין

איך לויב זיין גרויס עניוות און די זאָרג,
מיט וואָס ער גייט זיך טריט בײַ טריט צום ציל.
נאָר דורך דעם חסד פון די מוזען בינדן
אַזויפיל פערזן פעסט זיך צו איין בוי.
אין זיין נשמה גליט נאָר דער געדאַנק,
אַז ס'זאָל זיין ליד זיך פאָרמען צו אַ גאַנצקייט:
ער וויל נישט מעשׂות איבער מעשׂות מערן,
וואָס ווײַלן שיין און לאָזן גאָרנישט איבער,
ווען אויסגעקלונגען האָט דאָס פּוסטע וואָרט.
מיין ברודער! לאָז אים, ווייל די צייט איז נישט
די מאָס, דאָס גוטע ווערק מיט איר צו מעסטן.

אין זאָלן שפּעטע דורות מיטגעניסן,
טאָ מוז דאָס דור פון איצטער זיך פאַרגעסן.

אַלפאָנס

לאָז, ליבע שוועסטער, אונדז אינאיינעם ווירקן,
ווי מיט געווין האָב׳מיר׳ס שוין אָפט געטוען.
ווען איך ווער שטורמיק, זאָלסטו זאַנפט פאַרגלעטן,
ווו דו ביזט צופיל זאַנפט, וועל איך דאָרט טרייבן:
וועל׳מיר אים אפשר נאָך דערזען בּאַם ציל,
ווו אונדזער וווּנטש האָט לאַנג געוואָלט אים זען.
זאָל דאַן זיך הידושן דאָס לאַנד, די גאַנצע וועלט,
וואָס פאַר אַ ווערק ס׳איז אויסגעפירט געוואָרן.
איך וועל מיין חלק פון דעם שם מיר נעמען,
און ער וועט זיין אַריינגעפירט אין לעבן.
אַן איידלער מענטש קאָן זיך זיין בילדונג נישט
אין ענגן צירקל נעמען. היים און וועלט
מוז אים משפּיע זיין. ער מוז זיך לערנען
צו טראָגן גלייך דעם שם ווי שטראָפרייד, ס׳בּייט
די וועלט אים, זיך און אַנדערע צו־קענען.
אים וויגט נישט איין די איינזאַמקייט מיט חניפה.
עס וויל דער פיינט — עס טאָר דער פריינט נישט
שוינען.
דער יינגער האַרטעוועט אין שטרייט זיין כּח,
דערפילט וואָס ער בּאַטייט, און ווערט אַ מאַן.

לעאָנאָרע

טאָ וועסטו, האַר, פאַר אים נאָך טוען אַלץ,
ווי ד׳האָסט ביז איצט אַ סך פאַר אים געטוען.
עס אַרבעט אַ טאַלענט זיך אין דער שטיל
און אַ כאַראַקטער זיך אין וועלט־שטראָם אויס.
אָ, אַז ער זאָל זיין האַרץ זיך ווי די קונסט
נאָך פאָרמען לויט דיין אָנווייז! ער זאָל נישט
די מענטשן לענגער מיידן, אַז זיין מיסטרוי
זאָל נישט צו האַס און מורא זיך פאַרקערן.

אַלפֿאָנס

פֿאַר מענטשן שרעקט זיך, ווער עס קען זיי נישט,
און ווער עס מיידט זיי, קאָן זיי נישט דערקענען.
דאָס איז דער פֿאַל מיט אים, פֿאַמעלעך ווערט
אַ פֿריי געמיט פֿאַרפּלאָנטערט און געפּענטעט.
אָט סטאַרעט ער זיך אויף מיין חסד־מער,
ווי ס׳וואָלט פֿאַר אים געפּאַסט. פֿאַר אַנד׳רע ווידער
פֿאַרשליסט ער זיך, וואָס כ׳ווייס עס זיכער, אַז
זיי זענען אים קיין שונאים נישט. טרעפֿט זיך,
אַ בריוו פֿאַרבלאָנדזשעט זיך, צי אַ משרת
פֿאַרלאָזט אים און נעמט אָן אַ שטעל באַ אַנד׳רע,
צי אַ פּאַפּיר פֿאַרלירט זיך אים אַמאָל,
שפּירט ער כּוונות באַלד אין דעם, מסירות
און פֿאַלשקייט, וועלכע גראָבן אים דאָ אונטער.

פּרינצעסין

געליבטער ברודער, דאָס מוז׳מיר געדענקען:
פֿון זיך אַליין קאָן זיך דער מענטש נישט שיידן,
און ווען דעם פּריינט, וואָס דאַרף מיט אונדז צו גיין,
טוט ווי אַ פֿוס, וואָלטן מיר דאָך ליבער לאַנגזאַם
געגאַנגען און געפֿירט אים באַ דער האַנט.

אַלפֿאָנס

נאָר בעסער וואָלט געווען, ווען מיר וואָלטן
אים קענען העלפֿן, ליבער באַ אַ דאָקטאָר
אַ מיטל פֿאָרשן און דעם קראַנקן היילן,
דערנאָך ערשט מיט דעם אויסגעהיילטן ווייטער
אין נייעם וועג פֿון לעבן זיך צו לאָזן.
דאָך האָף איך, מיינע ליבע, צו פֿאַרהיטן,
אַז איך זאָל זיין באַ אייך דער האַרטער דאָקטאָר
כ׳טו, וואָס איך קאָן, כּדי אין האַרצן אים
טיף איינצופֿלאַנצען זיכערקייט און צוטרוי.
איך ווייז אים אָפֿט באַשיינפּערלעך פֿאַר אַלע

סימנים פֿון מיין חסד, און באַקלאָגט
ער זיך באַ מיר, לאָז איך די זאַך באַטראַכטן,
ווי כ׳האָב געטון, ווען ר׳האָט געמיינט דאָ ערשט,
אַז מ׳האָט זיין צימער אויפֿגעבראָכן. רויק
באַווייז איך אים, ווי מיין קוק איז דערויף;
ווייל מ׳מוז אין אַלץ געניט זיין, פֿלייס איך מיך,
באַ טאַססאָ, ווייל ער איז׳ס ווערט, אין געדולד,
און איר, איך ווייס עס, וועט מיר גערן העלפֿן.
איצט האָב איך אייך אַהערגעבראַכט און מוז
היינט אָוונט נאָך צוריק אין שטאָט. איר וועט
אַ רגע שפּעטער זען אַנטאָניאָן;
ער קומט נאָך מיר פֿון רוים. מיר האָבן פֿיל
אַרומצורעדן, אָפּצומאַכן, דאַן
באַשלוסן פֿאַסן און נאָך בריוו צו שרייבן;
און וועגן אַל דעם מוז איך זיין אין שטאָט.

פּרינצעסין

דערלויבסטו אונדז, מיר זאָלן דיך באַגלייטן?

אַלפֿאָנס

בלייבט נאָר אין בעלריגוואַרדאָ, גייט אינאיינעם
אַריבער קיין קאָנסאַנדאָלי! געניסט
די שיינע טעג לויט אייער האַרץ געלוסט.

פּרינצעסין

דו קאָנסט באַ אונדז נישט בלייבן? די געשעפֿטן
נישט פֿירן דאָ אַזוי ווי אין דער שטאָט?

לעאָנאָרע

און נעמסט אויך מיט אַנטאָניאָן מיט זיך,
וואָס וואָלט פֿון רוים אַזויפֿיל אונדז דערציילט?

אַלפֿאָנס

דאָס לאָזט זיך נישט, איר קינדער, נאָר איך קום

מיט אים צוריק אַהער, ווי באַלד ס'איז מעגלעך:
דאַן זאָל ער אייך פֿאַרציילן און איר זאָלט
מיר העלפֿן אים באַלוינען, אים, וואָס האָט
אַזויפֿיל אין מיין דינסט זיך פֿריש באַמיט.
און ווען מיר האָבן זיך שוין אויסגערעדט
מעג דאַן די חברה קומען, אַז דער גאָרטן
זאָל לוסטיק ווערן; און אויך מיר זאָל דעמאָלט,
וואָס רעכט, אַ שיינע, ווען איך וועל זי זוכן,
אַקעגנקומען אין די קילע שאָטנס.

לעאָנאָרע

מיר ווילן גערן דורך די פֿינגער קוקן.

אַלפֿאָנס

און איר ווייסט ווידער, אַז אויך איך קאָן שווייגן.

פּרינצעסין

איך קוק שוין לאַנג ווי טאַססאָ קומט. פּאַמעלעך
באַוועגט ער זיינע שריט, בלייבט שטיין, גייט ווייטער,
און פּלוצים שטיל, ווי נישט אַנטשלאָסן, גייט
שוין ווידער גיך, און גלייך צו אונדז. פֿאַרהאַלט
זיך ווידער.

אַלפֿאָנס

שטערט אים נישט אין די דמיונות
בשעת ער טראַכט און טרוימט, און לאָזט אים וואַנדלען.

לעאָנאָרע

ניין, ער האָט אונדז געזען, ער קומט אַהער.

דריטע סצענע

די פריערדיקע, טאַססאָ.

טאַססאָ

(מיט אַ בוך, אין פּאַרמעט געהעפט).

איך קום פּאַמעלעך, דיר אַ ווערק צו ברענגען,
און האַלט מיך נאָך צוריק, עס דיר צו געבן.
איך ווייס צו גוט, אַז ס'איז נאָך נישט-פאַרענדיקט,
הגם עס וויל זיך אויסווייזן געענדיקט.
נאָר, ווי כ'האָב ביז אַצינד געזאָרגט זיך נישט אום-
פולקומלעך
עס אין דיין האַנט צו לייגן, צווינגט מיך איצט
אַ נייע זאָרג: איך וואָלט דאָך נישט געוואָלט
פאַר צופיל שרעק, זיך אויסווייזן נישט-דאַנקבאַר.
און ווי אַ מענטש קאָן זאָגן נאָר: אָט בין איך!
מיט זיך די פריינט, געשווינט פון זיי, צו פרייען;
אַזוי קאָן איך נאָר זאָגן דאָס: נאַט, נעמט עס!

(ער גיט-איבער דעם באַנד).

אַלפאָנס

דו איבעראַשסט מיך היינט מיט דיין מתנה,
און מאַכסט דעם שיינעם טאָג מיר צו אַ יום-טוב.
אַזוי האַלט איך עס פאָרט אין מיינע הענט,
און רוף עס מיין אין אַ געוויסן זין.
שוין לאַנג האָב איך געוואַרט דו זאָלסט אַנטשלאָסן
אַ זאָג-טון איינמאָל: אָט! עס איז גענוג.

טאַססאָ

זענט איר צופרידן, איז דאָס ווערק בשלמות,
ווייל אייערס איז עס אין אַ יעדן זין.
אַז איך באַטראַכט די מי, וואָס ס'האָט געקאָסט,
און קוק די צייכן פון מיין פעדער אָן,

קאָן איך נאָך זאָגן: אָט דאָס ווערק איז מײַן.
נאָר אַז איך קוק מיך אײַן, וואָס דעם פּאָעם
גיט יענעם טיפֿן ווערט און ווירדיקייט:
דערקען איך, אַז איך האָב עס נאָר פֿון אײַך.
ווען מיר האָט די נאַטור מיט פֿולער האַנט
געשענקט די הימלסגאָב פֿון פּאָעזי,
האָט מיך דערפֿאַר דאָס אײַנגעשפּאַרטע מזל
מיט בײדע הענט פֿון זיך אַוועקגעשטופּט.
און האָט די שײנע וועלט דעם ײנגלס אויגן
מיט איר עשירות ליכטיק צוגעצויגן,
האָט באַלד זײַן ײנג געמיט באַטריבט צום טויט
די ליבע עלטערנס אומפֿאַרדינטע נויט.
אַז ס'האָט זיך אויפֿגעמאַכט זײַן ליפּ צו זינגען,
האָט זיך פֿון איר אַ טרויריק ליד געגאָסן,
און כ'האָב באַגלײט מיט מײַנע זאַכטע טענער
דעם פֿאָטערס זאָרגן און דער מוטערס צער.
נאָר דו ביזט אײנציק, וואָס פֿון ענגן לעבן,
האָט צו אַ שײנער פֿרײַהײט מיך דערהויבן,
וואָס האָט פֿון קאָפּ די דאגות צוגענומען,
מיך פֿרײַגעמאַכט, אַז מײַן נשמה האָט
געקאָנט צעוויקלען זיך צו מעכטיק זינגען.
און וואָסער פּרײַז מײַן ווערק זאָל אויך דערהאַלטן,
בין איך עס שולדיק אײַך. ס'איז אײַער ווערק.

אַלפֿאָנס

צום צווײטן מאָל פֿאַרדינסטו יעדן לויב,
און ערשט עניוותדיק אי זיך, אי אונדז.

טאַססאָ

וואָלט איך עס געקאָנט עס זאָגן, ווי איך פֿיל,
אַז נאָר פֿון אײַך האָב איך עס, וואָס איך ברענג!
דאָס ײנגל, נאָך אָן מעשים, — האָט ער דען
פֿון זיך געשעפּט דאָס ליד? די קלוגע פֿירונג
פֿון שנעלן קריג — האָט ער עס אויסגעטראַכט?

דעם כח פֿון כּלי־זין, וואָס דער העלד
באַווייזט אין טאָג, וואָס ווערט פֿאַר אים באַשערט?
דעם פֿירערס קלוגשאַפֿט און די ריטערס האַרץ,
ווי חכמה פֿירט דעם שטרייט אַקעגן פּרוּזיכט,
האָסט דו נישט דאָס, אָ קלוגער פֿירשט און העלד,
מיר איינגעגעבן אַלץ, גלייך דו וואָלסט זיין
מיין מזלס שר, וואָס האָט אין דעם אַ פֿרייד,
זיין הויכע, אומדערגרייכלעך הויכע נשמה
דער וועלט דורך אַ בן־אדם צו אַנטפּלעקן?

פּרינצעסין

אַצינד געניס דאָס ווערק, וואָס שאַפֿט אונדז פֿרייד!

אַלפֿאָנס

טאָב מיט דעם ווערק ערפֿאָלג באַ אַלע גוטע!

לעאָנאָרע

אַ שם זאָל דיר עס מאַכן באַ די מענטשן!

טאַססאָ

די דאָז׳קע רגע איז פֿאַר מיר גענוג.
אָן אייך נאָר האָב איך, שרייבנדיק, געקלערט,
מיין לעצטער ווונטש געווען איז: אייך געפֿעלן,
און אייך הנאה טון, מיין לעצטער צוועק.
ווייל ווער עס זעט נישט אין די פֿריינט די וועלט,
פֿאַרדינט נישט, אַז די וועלט זאָל פֿון אים הערן.
דאָ איז דאָס פֿאָטערלאַנד, דאָ איז דער קרייז,
ווו איך געפֿין מיך מיט דעם גאַנצן האַרץ.
איך האָרך און נעם דאָ אָויף אַ יעדן ווונק.
דאָ רעדט געניטע זעט, חכמה, איידלער גוסט.
די וועלט און עתיד זע איך שטיין פֿאַר מיר.
ס׳מאַכט שרעקעדיק דעם קינסטלער דער המון.
נאָר ווער ס׳איז ענלעך אייך און פֿילט ווי איר,
נאָר דער אַליין זאָל משפּטן און באַלויבען.

אַלפֿאָנס

און זאָלן מיר באַטייטן וועלט און עתיד,
טאָ פּאַסט עס נישט, בלויז ליידיק אויפֿצוגעמען.
דאָס שיינע צייכן, וואָס עס ערט אַ דיכטער,
וואָס העלדן, וועלכע ער מאַכט וועלטבאַרימט,
זעען עס אָן קנאה אויף זיין הויכן שטערן, —
אָט זע איך אויף דעם שטערן פֿון דיין זיידן.

(ווייזנדיק אויף דער הערמע פֿון ווירגיל)

האָט עס דער צופֿאַל, צי אַ גוטער גייסט
געפֿלאָכטן און געבראַכט? עס ווייזט זיך דאָ
אונדז נישט אומזיסט. ווירגילן הער איך זאָגן:
וואָס טוט איר טויטע כּבֿוד? האָבן זיי
דאָך זייער לוין און פֿרייד געהאַט באַם לעבן.
ווען איר באַוווּנדערט און טוט כּבֿוד אונדז,
גיט אויך די לעבעדיקע זייער חלק.
מיין מאַרמאָר־בילד איז שוין באַקראַנצט גענוג,
די גרינע צווייגן געהערן צו דעם לעבן.

(אַלפֿאָנס ווינקט צו זיין שוועסטער. זי נעמט דעם קראַנץ פֿון ווירגילס ביוסט און דערנענטערט־זיך צו טאַססאָ. ער טרעט צוריק.)

לעאָנאָרע

דו זאָגסט זיך אָפּ? זע וועסער האַנט דיר באַט
דעם שיינעם, נישט־פֿאַרוועלקנדיקן קראַנץ.

טאַסס ָ

אָ, לאָזט מיך וואַרטן! נ׳קען מיר דאָך נישט מאָלן,
ווי איך וועל נאָך דער דאָז׳קער פֿרייד־שעה לעבן.

אַ פֿאָנס

געניסנדיק דעם הערלעכן באַזיץ,
וואָס מאַכט די ערשטע רגע דיך דערשראָקן.

פרינצעסין

(אויפהייבנדיק דעם קראַנץ אין דער הייך)

דו לאָזט מיר צו דעם זעלטענעם נחת, טאַססאָ,
דיר אָן אַ וואָרט צו זאָגן, וואָס איך קלער.

טאַססאָ

די שיינע לאַסט פון דיינע ליבע הענט
נעם איך קני׳ענדיק אויף מיין שוואַכן קאָפּ.

(ער קניט, די פרינצעסין לייגט דעם קראַנץ אויף זיין קאָפּ.)

לעאָנאָרע

(אַפּלאָדירנדיק)

זאָל לעבן דער צום ערשטן מאָל באַקראַנצטער!
ווי צירט דער קראַנץ דעם מאַן, וואָס האַלט זיך קליין.

(טאַססאָ שטייט-אויף.)

אַלפאָנס

ס׳איז נאָר אַ בילד פון יענער קרוין, וואָס זאָל
אַמאָל דיך צירן אויף דעם קאַפּיטאָל.

פרינצעסין

דאָרט וועלן העכ׳רע קולות דיך באַגריסן;
מיט שטילער ליפּ באַלוינט דיך דאָ די פריינטשאַפט.

טאַססאָ

נעמט אים אַוועק דאָך, פון מיין קאָפּ, דעם קראַנץ,
אוי נעמא טים צו! ער שרפעט מיינע לאָקן,
און ווי אַ שטראַל פון זון, וואָס טרעפט צו הייס
מיין קאָפּ, ברענט ער מיר אויס פון שטערן
דעם כח פון מיין דענקען. פיבער-היץ
צערירט מיין בלוט. זייט מוחל, ס׳איז צופיל!

לעאָנאָרע

פֿאַרקערט, דער צווייג באַשיצט דאָך נאָך דעם קאָפּ
פֿון מאַן, וואָס דאַרף נאָך וואַנדלען אין די הייסע
מדינות פֿון זיין שם, קילט אים דעם שטערן אָפּ.

טאַססאָ

איך בין נישט ווערט די קילונג צו געניסן,
וואָס דאַרף נאָר אַרום העלדן־שלעפֿן ווייַ׳ן;
אָ, הייבט אים אויף, איר געטער, און באַהאַלט
אין שויס פֿון וואָלקנס אים, ער זאָל אַלץ העכער
און אומדערגרייכלעך שוועבן, ס׳זאָל מיין לעבן
צו אייביק וואַנדלען זיין צום דאָזיקן ציל!

אַלפֿאָנס

ווער ס׳שלאָגט זיך פֿרי צו עפּיס צו, דער לערנט
אויך פֿרי דעם לעבנס אוצרות שאַצן.
דער, וואָס געניסט פֿרי, ווערט מיט גוטן נישט
מוותר־זיין אויף דעם, וואָס ר׳האָט באַזעסן.
און ווער ס׳באַזיצט, דער מוז געוואָפּנט זייַן.

טאַססאָ

און ווער עס וויל זיך וואָפּענען, מוז פֿילן
אין בוזעם כּח, וואָס פֿאַרלאָזט נישט קיינמאָל.
אַך! מיך פֿאַרלאָזט עס גראָד אַצינד! אין גליק
פֿאַרלאָזט ער מיך, דער כּח, וואָס האָט מיך
געלאָזט אַקעגן אומגליק שטאַנדהאַפֿטיק,
און שטאָלץ אַקעגן אומרעכט זייַן. צי האָט
די פֿרייד, די שמחה מיט דער דאָז׳קער רגע
דעם מאַרך פֿון מיינע אברים צעלאָזט?
עס בייגן מיינע קני זיך, נאָכאַמאָל
זע, פֿירשטין, ווי איך ליג צו דיינע פֿיס!
און טו עס מיר צוליב, נעם־צו דעם קראַנץ!
איך זאָל ווי פֿון אַ שיינעם טרוים דערוואַכט

מיט אַלע חושים ניי־דערקוויקט מיך פילן!

פרינצעס־ן

ווען דו קאָנסט דעם טאַלענט, דאָס גאָט־געשאַנק
דערטראָגן רויִק און צוריקגעהאַלטן,
טאָ לערן טראָגן אויך די צווייגן, וואָס
באַטייטן ס׳שענסטע, וואָס מיר גיבן דיר.
דעם, וואָס זיי רירן אָן דעם קאָפּ נאָר איינמאָל,
דעם שוועבן זיי אַרום זיין שטערן אייביק.

טאַססאָ

טאָ לאָזט־זשע מיך פאַרשעמט פון דאַנעט גיין!
לאָזט מיך מיין גליק אין טיפן וואַלד פאַרבאָרגן,
ווו איך פלעג אָפט באַהאַלטן מיין געוויין.
דאָרט וויל איך איינזאַם וואַנדלען. דאָרט דערמאַנט
קיין אויג מיר נישט דאָס אומפאַרדינטע גליק.
און ווייזט מיר פלוצלינג דאָרט אַ קלאָרער קוואַל
אין ריינעם שפּיגל, וווּנדערלעך באַקראַנצט,
אַ מאַן, וואָס רוט פאַרקלערט באַם ווידערשייז
פון הימל, צווישן פעלזן, צווישןביימער, —
וועט מיר זיך אויסדאַכטן, אַז יענע־וועלט
איז אויף דערדאָז׳קער כשופפלאַך געפאָרעמט.
וועל איך מיר איבערלייגן שטיל און פרעגן:
ווער קאָן דאָס זיין? אַ יונגער מאַן, אַ הערא̇ס
פון דער פאַרגאַנגנער צייט? אַזוי באַקראַנצט?
ווער זאָגט זיין נאָמן מיר און זיין פאַרדינסט?
כ׳וואָלט לאַנג געוואַרט און וואָלט געקלערט: אָ וואָלט
אַן אַנדערער געקומען און נאָך איינער
מיט אים זיך אין אַ שמוס אַריינצולאָזן,
אָ וואָלטן די הערא̇ען און פּאָעטן
פון ד׳אַלטע צייטן זיך באַם קוואַל פאַרזאַמלט!
ווי זע איך זיי פאַרבונדן מיטאַנאַנדער
ווי ז׳האָבן צו אַנאַנד געהערט באַם לעבן!
אַזוי בינדט דער מאַגנעט דורך זיינע כוחות

דאָס אייזן מיט דעם אייזן פּעסט צענויף,
ווי ס׳גלײַכע שטרעבן העלד און דיכטער בינדט.
האָמער האָט, זיך־פאַרגעסנדיק, זיין לעבן
פאַרשענקט פאַר דער באַטראַכטונג פון צוויי מענער.
און אַלעקסאַנדער־זוכט, אויף יענער וועלט,
אויך קודם־כל האָמערן און אַכילן.
אָ וואָלט איך איצט דערביי זיין, זיי, די גרעסטע
נשמות, איינגעזאַמלט דאָ צו זען!

לעאָנאָרע

שטיי־אויף פון חלום! גיב אונדז נישט צו פילן,
אַז דו ווילסט נישט דעם הווה אָנערקענען.

טאַססאָ

די איצט־צייט איז עס, וואָס האָט מיך דערהייכט;
איך ווייז נאָר אויס נישט־הי פאַר מיין התפּעלות!

פּרינצעסין

כ׳האָב ליב צו הערן ווען דו רעדסט מיט גייסטער,
און טענהסט אַזוי מענטשלעך אײַן מיט זיי.

(אַ פּאַזע קומט־צו צום פירשט און זאָגט אים עפּיס שטילערהייט)

אַלפאָנס

ער איז שוין דאָ! גראָד צו דער רעכטער צייט.
אַנטאָניאָ! גיי ברענג אים — אָט ער קומט.

פערטע סצענע.

די פריערדיקע, אַנטאָניאָ

אַלפאָנס

ברוך־הבא דיר! דו, וואָס ברענגסט צוגלייך
אי זיך, אי גוטע בשורות.

פרינצעסין

זיי באַגריסט!

אַנטאָניאָ

איך וואָג עס קוים צו זאָגן, וואָסער פרייד
עס לעבט מיך אויף אויפסניי אין אייער נאָנט.
פאַר אײַרע אויגן טרעף איך ווידער אַלץ,
וואָס מיר האָט לאַנג געפעלט. איר זענט מסתּם
צעפרידן מיט מײַן טון און מײַן ערפאָלג;
אַזוי בין איך באַלוינט פאַר יעדער זאָרג,
פאַר אַלדי טעג, וואָס כ׳האָב, צי אָן געדולד
פאַרלוירן, צי פאַרבראַכט מיט אַ כּוונה.
איצט האָבן מיר, וואָס מיר ווינטשן זיך, און פרייד.

לעאָנאָרע

אויך איך באַגריס דיך, כאָטש איך האָב תּרעומות,
דו קומסט נאָר גראָד, ווען איך מוז ווייטער ציען.

אַנטאָניאָ

כּדי מײַן גליק זאָל זײַן נישט אָן אַ פּגם,
נעמסטו אַ שיינעם טייל מיר תּיכּף צו.

טאַססאָ

אויך מײַן באַגריסונג! איך האָף אין דער נאָנט
פון פילגעניטן אויך אַ פרייד צו האָבן.

אַנטאָניאָ

דו וועסט מיך טרעפן אמת, ווען דו וועסט
פון דײַן וועלט נאָר אין מײַנער טון אַ קוק.

אַלפאָנס

ווי ווויל דו האָסט אין בריוו מיר שוין געמאָלדן,
וואָס ד׳האָסט געטון, און ווי ס׳איז דיר בעגאַנגען;

האָב איך דיך פֿאָרט אַ טייל נאָך אויסצופֿרעגן,
מיט וואָסער מיטל דיר איז עס געלונגען.
אויף יענעם וואונדער-גרונט מוז יעדער שריט
גוט אָפּגעמאָסטן ווערן, ווען ער זאָל
צום סוף דיך פֿירן צו דיין אייג׳נעם צוועק.
ווייל ווער עס זוכט נאָר ריין זיין פֿירשטס געווין,
האָט גאָר אַ שווערן שטאַנד פֿאַר זיך אין רוים.
ווייל רוים וויל נעמען נאָר און געבן נישט.
און קומט מען דאָרטן, עפּעס צו באַקומען,
באַקומט מען גאָר נישט, סיידן מ׳ברענגט זיי וואָס.
און גליקלעך, ווען מ׳באַקומט אַזוי נאָך עפּיס.

אַנטאָניאָ

עס איז נישט מיין באַנעמונג, נישט מיין קענען,
דורך וועלכע, כ׳האָב דיין ווילן אויסגעפֿירט.
ווייל וועלכער קלוגער טרעפֿט אין וואַטיקאַן
קיין קלוגערן פֿון זיך. ס׳האָט זיך אַ סך
צעזנויפֿגעטראָפֿן, וואָס כ׳האָב אויסגענוצט.
דיך ערט גרעגאָר און שיקט זיין ברכה דיר.
דער זקן, וואָס איז מער פֿון יעדען ראוי
אַ קרוין צו טראָגן אויף זיין קאָפּ, געדענקט
מיט פֿרייד די צייט, ווען ער האָט דיך אַלס קינד
געהאַלטן אויף זיין האַנט. דער מאַן וואָס מאַכט
אַ חילוק צווישן מענער, קען און ליבט דיך שטאַרק.

אַלפֿאָנס

איך פֿריי מיך, וואָס ער האַלט אַזוי פֿון מיר,
ווי וויט ער מיינט עס ערלעך, דאָך דו ווייסט,
פֿון וואַטיקאַן אַראָפּ זען די מלוכות
שוין קליין גענוג זיך אויס צו זיינע פֿיס,
אַ פשיטא נאָך די פֿירשטן און די מענטשן.
זיי מודה, וואָס דיר האָט דאָס מייסט געהאָלפֿן.

אַנטאָניאָ

גוט! ווען דו ווילסט: דער הויכער גייסט פֿון פּויפּסט,
ער זעט דאָס קליינע קליין, דאָס גרויסע גרויס,
כּדי ער זאָל אַ וועלט געביטן, גיט
ער זיינע שכנים גערן פֿריינטלעך נאָך;
דאָס פּאַסיקל ערד, וואָס ער לאָזט דיר היינט אָפּ,
ווייסט ער, ווי אויך דיין פֿריינטשאַפֿט, אָפּצושאַצן.
איטאַליע זאָל רויק זיין, ער וויל
אַרום זיך פֿריינט זען, שלום האַלטן
באַ זיינע גרענעצן, כּדי די מאַכט
פֿון קריסטנטום, וואָס ער רעגירט מיט כּח,
זאָל דאָ דעם טערק, די כּופֿרים דאָרט פֿאַרטיליקן.

פּרינצעסין

צו קען מען יענע מענער, וואָס ער צייכנט
פֿאַר אַלע אויס, און רעדט מיט זיי אינטים?

אַנטאָניאָ

נאָר דעם געניטן מאַן שענקט ער זיין אויער
און נאָר אַ רירעוודיקן גנאָד און צוטרוי.
ער, וואָס האָט שוין נאָך יונג דאָס לאַנד געדינט,
רעגירט עס איצט, און ווירקט אויף יענע הייף,
וואָס ר'האָט פֿאַר לאַנגע יאָרן אַלס שליח
געזען, געקענט און אָפּטמאָל אויך געפֿירט.
ס'אַזוי פֿאַר זיינע אויגן קלאָר די וועלט,
ווי די הצלחה פֿון זיין אייגן לאַנד.
ווען מ'זעט אים עפּיס אויפֿטון, לויבט מען צים,
און פֿרייט זיך, ווען די צייט אַנטפּלעקט, וואָס ער
האָט פֿאַרויס, לאַנג, אין שטילן פֿאָרגעברייט.
נישטאָ קיין שענערס אויף דער וועלט צו זען,
ווי ווען אַ פֿירשט רעגירט זיין לאַנד מיט חכמה,
און ס'לאַנד, ווו יעדער פֿאָלגט מיט שטאָלץ זיין ווונק,
און יעדער מיינט, ער דינט נאָר זיך אליין,

ווייל ס׳וועדט באפּוילן אים נאָר וואָס ס׳איז רעכט.

לעאָנאָרע

ווי בענק איך הייס, צו זעען יענע וועלט
גאַנץ נאָנט אַמאָל.

אַלפאָנס

אוודאי מיטצושאַפּן?
ווייל קוקן בלויז וועט לעאָנאָרע נישט.
עס וואָלט גאַנץ שיין געווען, מיין טייערע,
ווען מיר אויך וואָלטן אין דעם גרויסן שפּיל
די צאַרטע הענט אַמאָל געמישט. איז וואָר?

לעאָנאָרע

(צו אַלפאָנסן)

דו ווילסט זיך רייצן? ס׳וועט דיר נישט געלונגען.

אַלפאָנס

איך בין דיר שולדיק נאָך פון אַנדרע טעג.

לעאָנאָרע

נו גוט, וועל איך היינט בלייבן דיין בעל־חוב.
האָב נישט פאַראיבל, שטער מיר נישט באַם פרעגן!

(צו אַנטאָניאָ)

האָט ער אַ סך געטון פאַר די נעפּאָטן?

אַנטאָניאָ

נישט ווייניקער, נישט מער אויך, ווי ס׳איז רעכט.
ווער ס׳האָט די מאַכט, און ווייסט די זייניקע
נישט צו פאַרזאָרגן, איבער דעם האָט אויך
דאָס פאָלק צו וויינען. שטיל און מיט אַ מאָס
נוצט זיינע לייט גרעגאָר, און דער מלוכה,
אין וועלעכער זיי דינען טריי; אַזוי

איז ער אײַנוועגס די בײדע חובות יוצא.

טאַססאָ

גענײסט די װיסנשאַפֿט, גענײסט די קונסט
זײַן שוץ? צי טוט ער אויכעט נאָך דעם משל
פֿון גרױסע פֿירשטן פֿון די אַלטע צײַטן?

אַנטאָניאָ

ער ערט די װיסנשאַפֿט, װי װײַט זי לערנט
רעגירן די מלוכה, פֿעלקער קענען.
ער שעצט די קונסט, װי װײַט זי צירט, פֿאַרשענערט
זײַן רוים, און מאַכט פּאַלאַץ און טעמפּל
צו װוּנדערװערק פֿאַר ד'אויגן פֿון דער װעלט.
קײן לײדיקגײן טאָר אין זײַן נאָנט נישט זײַן!
און װאָס ס'װיל גילטן, דאָס מוז שאַפֿן, דינען.

אַלפֿאָנס

און מײנסטו, אַז מיר װעלן דאָס געשעפֿט
אַ באַלד אויך ענדיקן? זײ זאָלן נישט
צולעצט אויך דאָס און יענץ אין װעג אונדז לײגן?

אַנטאָניאָ

צופֿיל װאָלט איך געמוזט מיך טועה זײַן,
אַז ס'זאָל דעם דאָזיקן שטרײַט דײַן אונטערשריפֿט
און װײניק בריװ נישט פּטרן אויף תּמיד.

אַלפֿאָנס

טאָ לויב איך מיר די דאָ'יקע לעבנס־טעג
פֿאַר אַ געװין־און גליקצײַט פֿון מײַן לעבן.
צעברײטערט זע איך מײַנע גרעניץ־סלופּעס,
און ס'לאַנד להבא זיכער. אָן מלחמה
האָסטו באַװיזן דאָס. אַ בירגער־קרוין
האָסטו פֿאַרדינט דיר. ס'זאָלן אונדזערע פֿרויען
פֿון ערשטן דעמבע־גרין אין שענסטן מאָרגן

דיר פֿלעכטן זי און אויף דיין קאָפּ דיר אָנטון.
דערווייל האָט אויכעט טאַססאָ מיך באַרייכט:
פֿאַר אונדז ירושלים איינגענומען,
און אָט אַזוי די קריסטנוועלט פֿאַרשעמט,
אַ ציל אין ווייטקייט, און גאָר הויך געשטעלט,
דערגרייכט מיט פֿרישן מוט און גרויס התמדה.
פֿאַר זיין באַמיונג זעסטו אים געקריינט.

אַנטאָניאָ

דו מאַכסט אַ רעטעניש מיר קלאָר. באַם קומען
האָב איך דערזען פֿאַרווונדערט צוויי באַקראַנצטע.

טאַססאָ

ווי דו זעסט דאָ מיין גליק פֿאַר דיינע אויגן,
וואָלט איך געוואָלט, זאָלסט מיט דעם אייגנעם בליק
מיין האַרץ אויך קאָנען זען, ווי ס'איז פֿאַרשעמט.

אַנטאָניאָ

מיר איז עס לאַנג באַקאַנט, אַז אַלפֿאָנס
איז אָן אַ צוים באַם שכר־פֿאַרטייל; און דו
באַקומסט, וואָס יעדער פֿון די זייניקע.

פּרינצעסין

וואָלסטו צוערשט געזען, וואָס ר'האָט באַוויזן
וואָלסטו געהאַלטן אונדז פֿאַר צו גערעכט.
מיר זענען נאָר די ערשטע שטילע עדות
פֿון שם, וואָס ס'וועט אים צוטיילן די וועלט,
און צענפֿאַכיק דער עתיד אים פֿאַרגינען.

אַנטאָניאָ

ער איז דורך אייך שוין זיכער מיט זיין שם.
פֿאַר אייער „יישר כח" פֿאַלן ספֿקות.
נאָר זאָגט, ווער האָט געלייגט דען אויף דעם שטערן

פֿון אַריאָסט דעם קראַנץ?

לעאָנאָרע

די דאָז'קע האַנט.

אַנטאָניאָ

און זי האָט ווילגעטאָן! ער פּאַסט אים שיין,
ווי נישט קיין לאָרבער וואָלט זיך אים געפּאַסט.
ווי עס באַדעקט איר האַרציק רייכע ברוסט
די טבע מיט אַ פֿאַרביק גרינעם קלייד,
אַזוי הילט ער אויך אַלץ, וואָס דאַרף בײַ מענטשן
געערט געהאַלטן זיין און ליבגעמאַכט,
אין בליענדיקן מאַנטל פֿון די מעשׂות.
צופֿרידנהייט, געניטשאַפֿט און פֿאַרשטאַנד,
דעם מוחס מאַכט, דער גוסט און ריינער חוש
פֿאַרן אמת־גוטן, ווייזן־אויס אין זיין
געזאַנג פּערזענלעך און פֿאַרגייסטיקט, זיך
ווי אונטער בלומען־ביימער אויסצורוען.
באַדעקט פֿון שניי פֿון לייכטע בליונגען,
באַקראַנצט פֿון רויזן, און אַרום זיי שפּילן
אין פֿרייען כּשוף־טאַנץ די אַמאָרעטן.
דאָס וואַסער, וואָס גייט איבער, רוישט דערבײַ
און ווייזט אונדז אַלערליי וווּנדערפֿיש.
פֿון אויסטערלישע פֿייגל איז די לופֿט,
פֿון פֿרעמדע סטאַדעס, וואַלד און פֿעלד דערפֿולט.
לצנות לויערט האַלב־פֿאַרדעקט אין גרין,
די חכמה לאָזט זיך פֿון אַ גאָלד'נעם וואָלקן
פֿון צייט צו צייט מיט הויכע שפּרוכן הערן,
בשעת דער דמיון שטורעמט אין שיגעון
מיט ווילדער מאַכט דורך צאַרטע האַרפֿן־סטרונעס
און האַלט זיך דאָך דערבײַ אין שענסטן טאַקט.
ווער ס'מעג זיך נעבן דאָזיקן מאַן נאָך מעסטן,
פֿאַרדינט שוין פֿאַר זיין וואַגעניש דעם קראַנץ.
פֿאַרגיט מיר, ווען איך פֿיל מיך באַלד נתפּעל,

פּאַרטון באַלד אין די עולמות עליונים,
און איך פאַרגעס מיך וואָס און ווו איך רעד.
ווייל אַלע די פּאָעטן און די קרענץ,
דאָס אויסטערלישע יום-טוב-קלייד, דאָס שיינע,
ברענגט מיך פון זיך אַרויס אויף פרעמדן לאַנד.

פרינצעסין

דער וואָס קאָן שעצן איין פאַרדינסט, דער וועט
דאָס אַנד'רע אויך נישט איגנאָרירן. דו
זאָלסט אונדז אַמאָל אין טאַססאָס לידער ווייזן,
וואָס מיר האָבן געפּילט און דו דערקענסט.

אַלפאָנס

קום מיט מיר אַנטאָניאָ! איך האָב דיך נאָך
אַ סך צו פרעגן, וואָס מיר ווילט זיך וויסן.
דערנאָך זאָלסטו שוין קערן צו די פרויען
ביז ס'וועט די זון פאַרגיין. קום! זייט געזונט!

צווייטער אַקט.

זאַל.

ערשטע סצענע.

פּרינצעסין, טאַססאָ.

טאַססאָ

נישט זיכער גייען מיינע טריט דיר נאָך,
אָ פּירשטין, און מחשבות אָן אַ שיעור
און סדר רירן זיך אין מיין נשמה.
מיר דאַכט זיך, אַז מיר ווינקט די איינזאַמקייט,
און שושקעט ליבּלעך: קום, איך וועל די ספקות
דיר פון דער ברוסט פונאַנדערבינדן, פריינט.
נאָר ווי איך וואַרף אַ בליק אויף דיר און ווי
מיין אויר, וואָס האָרכט, פאַרנעמט דיין ליפּס אַ וואָרט,
ווערט אַרום מיר אַ נייער טאָג
און אַלע שטריק צעפאַלן זיך פון מיר.
איך וויל דיר מודה זיין, אַז ס'האָט דער מאַן,
וואָס אומגעריכט איז צו אונדז צוגעקומען,
נישט זאַנפט מיך פון מיין שיינעם טרוים דערוועקט.
זיין גייסט און זיינע ווערטער האָבן מיך
אַזוי געטראָפן, אַז איך פיל מיך מער

ווי תּמיד היינט צעריסן, און אויפסניי
אין סתירות ראַנגל איך מיט זיך אַליין.

פּרינצעסין

אומעגלעך איז עס, אז אַן אַלטער פריינט,
וואָס האָט זיין צייט אין ווייטער פרעמד פאַרבראַכט,
זאָל אין דער רגע, ווען ער זעט אונדז ווידער,
מיט אונדז זיך תּיכּף פילן ווי אַמאָל.
ער איז באַ זיך אין האַרצן גאָר נישט אַנדערש.
לאָז אונדז מיט אים אַ צוויי דריי טאָג נאָר לעבן
און אונדזערע סטרונעס סטראָיען זיך צונויף
ביז זיי פאַרבינדט אַ שיינע האַרמאָני
אויפסניי צו מזל. ווען ער וועט דערקענען
פון נאָנט אויך, וואָס דו האָסט אין דער דאָז׳קער צייט
געשאַפן, וועט ער דיך אוודאי שטעלן
מיט יענעם דיכטער גלייך, וואָס איצט האָט ער
געשטעלט אַנטקייגן דיר אים ווי אַ ריז.

טאַססאָ

אַך, פירשטין, אַז איך האָב געהערט פון אים
דאָס לויב פון אַריאָסט, האָט מיך געפרייט
מער ווי דאָס וואָלט באַליידיקט מיך. ס׳אַ טרייסט
פאַר אונדז, צו הערן רימען יענעם מאַן,
וואָס שטייט אַלס משל גרויס פאַר אונדזערע אויגן.
מיר קענען זיך אין שטילן האַרצן זאָגן:
דערגרייכסטו נאָר אַ חלק פון זיין ווערט,
איז אויך דער חלק פון זיין שם דיר זיכער.
ניין, וואָס מיין האַרץ צום טיפסטן האָט באַוועגט,
און וואָס נאָך איצט מאַכט פול מיר די נשמה,
דאָס זענען די געשטאַלטן פון דער וועלט,
וואָס דרייט זיך לעבעדיק אָן רו און ווילד
אַרום דעם גרויסן, איינציק קלוגן מאַן,
און פירט=אויס יענעם אָפּגעמאָסטנעם וועג,

וואָס ס׳וואַגט דער האַלבגאָט אָנצוצייכנען איר.
כ׳האָב נייגעריק געהאָרכט, מיט פרייד פאַרנומען
די זיכרע ווערטער פון געניטן מאַן.
נאָר אַך! וואָס מער איך האָב געהאָרכט, אַלץ מער
בין איך באַ מיר אַליין אַראָפ, אין שרעק
נישט צו פאַרשווינדן ווי באַם פעלד דאָס עכאָ,
וו׳אַ גאָרנישט צו פאַרלירן זיך, וו׳אַ נאָכקול.

פרינצעסין

און ד׳האָסט ערשט אויסגעוויזן ריין צו פילן,
ווי העלד און דיכטער לעבן בייאַנאַנד,
ווי העלד און דיכטער איינס דאָס אַנדרע זוכט,
און קיינער דאַרף מקנא זיין דעם אַנדערן?
ס׳איז שיין דער אויפטו, וואָס פאַרדינט אַ ליד,
נאָר שיין איז אויך, ס׳עשירות פון די מעשים,
דורך ווירד׳קע לידער צו די דורות ברענגען,
באַגניגן דיך צום ווילדן גאַנג פון וועלט
זיך צוצוקוקן ווי פון שטילן ברעג
פון קליינעם לאַנד אויס, וואָס באַשירמט דיך!

טאַססאָ

האָב איך נישט דאָ צוערשט געזען פאַרחידושט
ווי ערלעך מען באַלוינט אַ מוטיקן מאַן?
אַ יינגל נאָך בין איך אַהער געקומען
צו יענער צייט, ווען יום-טוב איבער יום-טוב
האָט אויסגעוויזן פון פעראַראַ דעמאָלט
צו מאַכן פאַר אַ מיטלפונקט פון כבוד.
אָ! ווי איז דעמאָלט שיין געווען צו זען!
דעם ברייטן פלאַץ, ווו ס׳האָט זיך אין איר גלאַנץ
געשיקטע גבורהשאַפט געזאָלט באַווייזן,
האָט איינגעצוימט אַ סביבה, וואָס אַזעלכע
וועט נישט צום צווייטנמאָל די זון באַלייכטן!
דאָ זענען ענג געזעסן ד׳ערשטע פרויען
און ד׳ערשטע מענער דאָ פון אונדזער צייט.

פֿאַרחידושט איז דער בליק זיי דורכגעפֿלויגן.
מען האָט געֿרופֿן: האָט דאָס היימלאַנד זיי
דאָס איינע, שמאָלע, ים־אַרומגענומענע
אַהערגעשיקט. איניינעם זענען זיי
דאָס שענסטע בית־דין, וואָס האָט איבער כּבֿוד,
פֿאַרדינסט און צניעות ווען געזאָגט אַ משפּט.
ציילסטו זיי אײנציקווייז, טרעפֿסטו נישט איינעם
וואָס וואָלט זיך דאַרפֿן פֿאַר זיין שכן שעמען!
עס עפֿענען זיך דעמאָלט אויף די שראַנקען:
עס בריקען פֿערד, עס גלאַנצן העלם און שילד,
עס שטופּן זיך די פּאַזשן, ס׳טוט אַ שמעטער
טרומייטער־שאַל, עס ברעכן זיך די לאַנצן
די פּאַנצערס קלינגען־אויף, און קנוילן שטויב
פֿאַרהילן, אויף אַן איינציקן אויגנבליק,
דעם זיגערס כּבֿוד, דעם באַזיגטנס בושה!
אָ לאָז פֿאַרציען מיך אַ פֿאָרהאַנג איצטער
אַריבערן גאַנצן גאָר צו העלן בילד,
מיר זאָל זיך אין דער דאָז׳קער שיינער רגע
מיין אומווערט נישט צו שטאַרק צו פֿילן געבן.

פרינצעסין

ווען יענע איידלע סביבה, יענע מעשים
האָבן צו מי און שטרעבן דיך באַגייסטערט,
האָב איך, מיין יונגער פּריינט, צו גלייכער צייט,
די פּריוו פֿון צרות אויסגעהאַלטן שטיל.
די יום־טובֿ־טעג, וואָס דו לויבסט מיר זיי אויס
און כ׳האָב געהערט זיי הונדערט צונגען לויבן
באָך לאַנג דערנאָכדעם, האָב איך נישט געזען.
באַם שטילן אָרט, וווהין ס׳האָט דורכרייסן
זיך נישט געקאָנט דאָס לעצטע ווידערקול
פֿון פֿריידן, האָב איך געמוזט יסורים
און טרויעריקע מחשבות איבערקומען.
מיט ברייטע פֿליגל האָט פֿאַר מיר געשוועבט
דאָס בילד פֿון טויט, און האָט פֿאַר מיר פֿאַרדעקט

דעם אױסבליק אין דער שטענדיק נײער װעלט.
פּאַמעלעך נאָר האָט זיך דאָס בילד דערװײטערט,
און מיך געלאָזט, װי דורך אַ פּלאָר, די פּאַרבן
פון לעבן, בלאַס, נאָר אָנגענעם, דערזען,
און זײנע פאָרמען װידער זאַנפט זיך רירן.
און צוגעהאַלטען נאָך פון מײנע פרויען,
בין איך צום ערשטנמאָל אַרױסגעטרעטן,
האָט זיך לוקרעציאַ פול פרײלעכקײט
געגענט און דיך געפירט דאַן באַ דער האַנט.
דו ביסט געװען דער ערשטער, װאָס איז מיר
אין נײעם לעבן אומבאַקאַנט באַגעגנט.
איך האָב אַ סך געהאָפט פאַר דיר און מיר.
ס'האָט אונדז ביז איצט די האָפנונג נישט גענאַרט.

טאַססאָ

און איך, װאָס בין, פאַרטױבט פון דעם געטומל
פון מענטשן-רעש, געבלענדט פון אַל דעם גלאַנץ
און אױך פון דער און יענער לײדנשאַפט
באַװעגט, געגאַנגען באַ דײן שװעסטערס זײט
אַ שװײגנדיקער דורך דעם שטילן שלאָס,
און בין געטרעטן אין דעם צימער, װוּ,
געלענט אױף דײנע פרױן, האָסטו זיך מיר
באַװיזן; װאָס פאַר אַ מאָמענט! פאַרגיב!
װי אַ פאַרכישופטן הײלט מיט איר נענט
די גאָטהײט פון זײן שיכּרות און שיגעון;
אַזױ האָט מיך פון יעדער פאַנטאַזי,
פון יעדער תאוה, יעדן פאַלשן דראַנג,
דײן ערשטער בליק מיט אײנמאָל אױסגעהײלט.
װען אומגעניט פלעגט פריער אָפט דער חשק
צו טױזנט קלײניקײטן זיך פאַרלירן,
האָב איך פאַרשעמט זיך אומגעקערט אין זיך,
און מיך געלערנט װאָס ס'איז װערט צו װעלן.
אַזױ זוכט מען אומזיסט אין זאַמד פון ים
נאָך יענער פערל, װעלכע רוט פאַרבאָרגן

פֿאַרשלאָסן ערגעץ אין די שטילע שאָלן.

פּרינצעסין

ס'האָט צוגעהויבן דאַן אַ שיינע צייט,
און וואָלט דער הערצאָג פֿון אורבינאָ נישט
צוועקגעפֿירט די שוועסטער, וואָלטן יאָרן
אין אומגעשטערטן גליק פֿאַר אונדז אַוועק.
אַצינדערט פֿיל' מיר ווי אונדז פֿעלט היינט אָפּ
די פֿרייליעכקייט, דאָס הארץ פֿול מוט און לעבן,
דער רייכער וויץ פֿון יענער ליבער פֿרוי.

טאַסאָ

איך ווייס גאַנץ ווויל, אַז ס'האָט, זינט יענעם טאָג,
וואָס זי האָט זיך מיט אונדז געזעגנט, דיר
קיין מענטש געקאָנט די ריינע פֿרייד פֿאַרבייטן.
ווי אָפֿט האָט דאָס מיין ברוסט צעזעצט! ווי אָפֿט
האָב איך דעם וואַלד געקלאָגט מיין לייד מיט דיר!
אַך! „האָב געררופֿן איך, האָט נאָר די שוועסטער
דאָס גליק, דאָס רעכט דער טייערער אַלץ צו זיין?
האָט קיין האַרץ מער די ווערט, זי זאָל זיך אים
געטרויען, איז דען קיין געמיט געשטימט
אַזוי ווי אירס? איז גייסט און וויץ פֿאַרלאָשן?
איז דען די איינע פֿרוי ווי גוט זי איז
געווען, געווען דען אַלץ? פֿאַרגיב! אַ פּירשטין;
איך האָב געקלערט אַמאָל אָן זיך אַליין
און זיך געווונטשט, דיר עפּעס צו באַטייטן;
און נישט קיין סך, אַ ביסל כאָטש, מיט מעשים,
מיט ווערטער נישט, אין לעבן דיר צו ווייזן
ווי שטיל ס'איז זיך מיין האַרץ דיר מוסר-נפֿש.
נאָר ס'איז מיר נישט געלונגען, און איך האָב
געטון אין טעות אָפּט, וואָס ס'האָט געמוזט
דיר ווייטון, כ'האָב באַליידיקט דעם, וואָס ד'האָסט
באַשיצט, פֿאַרפּלאָנטערט דאָס, וואָס ד'האָסט געוואָלט
ס'זאָל אויפֿגעבונדן ווערן, און אַזוי

האָב איך מיט יעדער רגע, וואָס איך האָב
געוואָלט דערנענטערן זיך, געפּילט זיך ווייטער.

פּרינצעסין

איך האָב דיין גוטן ווילן קיינמאָל נישט
שלעכט אָפּגעשאַצט און ווייס ווי שטאַרק דו ביסט
באַמיט אַלץ זיך אַליין צו שאַטן; שטאָט
וואָס זי ווייסט גלייך מיט יעדן ווי צו לעבן,
קאָנסטו דיך נאָך אַזויפיל יאָר אַפילו
נישט מיט אַ פּריינט געפונען.

טאַססאָ

רעד אויף מיר!
נאָר ענטפער מיר דערנאָך, ווו איז דער מאַן,
די פרוי, וואָס כ׳מעג מיט איר מ׳ך וואַגן ווי
מיט דיר, פון פרייען האַרץ אַרויס צו רעדן?

פּרינצעסין

וואָלסט דיך באַדאַרפט מיין ברודער איבערענטפערן.

טאַססאָ

ער איז מיין פירשט! נאָר מיין נישט, אַז מיין האַרץ
בלאָזט מיר דער ווילדער דראַנג פון פרייהייט אָן.
דער מענטש איז נישט געבוירן פריי צו זיין,
און פאַר דעם איידלען איז קיין שענער גליק,
ווי יענעם פירשט, וואָס ער פאַרערט, צו דינען.
און אָט אַזוי איז ער מיין האַר און כ׳פיל
דעם גאַנצן תוך פון אָט דעם גרויסן וואָרט.
איך מוז מיך לערנען שווייגן, ווען ער רעדט,
און טון, ווען ער געביט, מעג האַרץ און שכל
זיך אויפלענען אַ קעגן זיינע רייד.

פּרינצעסין

ס׳איז בא מיין ברודער קיינמאָל נישט דער פאַל.

היינט ווען אַנטאָניאָ איז ווידער דאָ,
האָסטו אַ נייעם קלוגן פּריינט אין אים.

טאַססאָ

כ׳האָב עס געהאָפּט, נאָר איצט פאַרצווייפל איך שיר.
ווי בייטיק וואָלט געווען מיר זיין פאַרקער,
זיין עצה מיר אין טויזנט פאַלן נוצלעך!
כ׳קען זאָגן, ער האָט אַל דאָס, וואָס מיר פעלט.
נאָר — האָבן אַלע געטער זיך פאַרזאַמלט
מתּנות אים צו ברענגען צו זיין וויג, —
דאָך האָבן אויסגעפעלט די גראַציען,
און וועמען זייער חן וועט איינמאָל פעלן,
דעם מעג אַ סך באַזיצן, געבן פיל,
דאָך לאָזט זיך קיינמאָל אויף זיין בוזעם רוען.

פרינצעסין

דאָך לאָזט זיך אים פאַרטרוי׳ן. דאָס איז אַ סך!
דו מוזט פון איינעם נישט פאַרלאַנגען אַלץ,
און דער האַלט זיכער, וואָס ער זאָגט דיר צו.
ערשט ווען ער האָט זיך פאַר דיין פריינט ערקלערט,
זאָרגט ער פאַר דיר, ווו דו פעלסט דיר אפילו.
איר מוזט פאַרבונדן זיין! איך חנפה מיר,
דאָס שיינע ווערק אין קורצן אויסצופירן.
נאָר שטעל דיך נישט אַקעגן, ווי דיין טבע.
אַזוי איז עס געווען מיט לעאָנאָרען;
ז׳איז חנעוודיק און פיין, מיט איר לאָזט לייכט
זיך לעבן, און מיט א י ר אויך האָסטו נישט
געוואָלט, ווי ז׳האָט געוווּנטשן, נענטער איינגיין.

טאַססאָ

כ׳האָב דיך געפאָלגט, ווען נישט וואָלט איך געווען
דערווייטערט זיך פון איר, שטאָט זיך דערנענטערן
אַזוי מין ליב ווי זי קאָן זיך באַווייזן, —
איך ווייס נישט ווי דאָס איז — האָב איך נאָר זעלטן

געקאָנט מיט איר גאַנץ אָפּנהאַרציק זיין.
כאָטש ז'איז מכוון גוטס צו טון די פּריינט,
מ'פילט די כונה און מען ווערט פאַרשוויגן.

פרינצעסין

אויף אָט דעם וועג וועל'מיר דאָך קיינמאָל נישט
געפינען זיך חברים, טאַססאָ, ס'פירט
די סטעזשקע אונדז דורך איינזאַם-פוסטע קוסטעס,
דורך שטילע טאָלן אומצוואַנדערן; מער
און מער פאַרציט זיך דאָס געמיט און שטרעבט,
די גאָלד'נע צייט, וואָס פעלט אים אָפּ פון דרויסן,
באַ זיך אין האַרצן ווידער צו באַנייען,
ווי ווייניק אויך עס גיט דער פּרוּוו זיך איין.

טאַססאָ

אָ וואָסער וואָרט רעדסטו אַרויס, מיין פּירשטין,
די גאָלד'נע צייט, ווו איז זי דען אַנטרונען?
וואָס ס'בענקט אַ יעדעס האַרץ נאָך איר אומזיסט!
ווען ס'האָבן אויף דער פרייער ערד זיך מענטשן
ווי לוסט'קע סטאַדעס באַם גענוס פאַרשפּרייט;
ווו ס'גיט אַן אַלטער בוים אויף בלומען-לאָנקע
דעם פאַסטוך און דער פאַסטושקע זיין שאָטן,
און ייננ'רע קוסטעס שלענגלען צאַרטע צווייגן
אַרום אַ בענקשאַפטלעכער, טרייער ליבשאַפט;
ווו אויף זיין אייביק ריינעם זאַמד האָט שטיל
אַ ווייכער שטראָם די נימף אַרומגענומען,
ווו אין דעם גראָז, אָן גיפט, האָט זיך די שלאַנג
פאַרן גייער גיך באַהאַלטן, און דער פאַון,
איז, באַלד פון מוטיקן מאַן באַשטראָפט, אַנטרונען;
ווו יעדער פויגל אין דער פרייער לופט,
און אויף דער ערד אַ יעדע חיה האָט
דערמאַנט: עס איז באַוויליקט, וואָס געפעלט.

פרינצעסין

מיין פריינט! זי איז פארביי די גאָלדנע צייט,
נאָר ס'ברענגען זי די גוטע נאָך צוריק.
זאָל איך דיר מודה זיין מיין אייגנע דעה:
די גאָלדנע צייט, וואָס ס'פלעגט דער דיכטער אונדז
מיט איר צו חנפענען, איז דאַכט זיך מיר
געוועזן אַזוי ווייניק, ווי ז'איז היינט.
און אויב ז'איז יאָ געוועזן, איז אַזוי
ווי זי קען היינט אויפסניי אונדז ווידער ווערן.
נאָך טרעפן נאָנטע הערצער זיך צונויף
און טיילן זיך מיטן תענוג פון דער וועלט:
אין אונדזער מאָטטאָ ענדערט זיך, מיין פריינט,
איין וואָרט בלויז: ס'איז באַוויליקט, וואָס עס פאַסט!

טאַססאָ

ווען ס'וואָלט פון גוטע איידלע מענטשן נאָר
אַ בית-דין אויפגעשטאַנען און פאַרענטפערט,
וואָס ס'פאַסט זיך! שטאָט אַז ס'זאָל אַ יעדער מיינען,
אַז דאָס איז פאַסיק, וואָס ס'איז נוצלעך אים.
מיר זעען דאָך דעם שטאַרקן און דעם קלוגן,
שטייט אַלץ צום פּנים, ער גיט נאָך זיך אַלץ.

פרינצעסין

ווילסטו דערגיין גענייטיק, וואָס עס פּאַסט,
טאָ פרעגזשע נאָר בײַ איידלע פרויען נאָך.
ווייל זיי גייט עס אַממייסטן דאָך אין דעם,
אַז אַלצדינג, וואָס געשעט, זאָל שיין זיך פאַסן.
די גוטע מידות נעמען מיט אַ מויער
דאָס צאַרטגעבויטע פרויען-מין אַרום;
ווו איידלע פירונג הערשט, דאָרט הערשן זיי,
און דאָרט, ווו עזות הערשט, באַטייט זי גאָרנישט
און ווען דו וועסט בײַ ביידע מינים פרעגן:

זאָך פֿרייהייט שטרעבט דער מאַן, דאָס ווייב נאָך
מידות טובֿות.

טאַססאָ

דו רופֿסט אונדז רוי, אָן האַרץ, און אומגעצוימט?

פּרינצעסין

נישט דאָס! נאָר איר שטרעבט נאָר נאָך ווײַטע
גליקן,
און מיט געוואַלט מוז אײַער שטרעבן גיין.
איר וואַגט עס, פֿאַר דער אייביקייט צו שאַפֿן,
בשעת מיר וואָלטן בלויז אַן איינציק גליק
אַ נאָנטס און אָפּגעמאָסטנס האָבן דאָ,
און ווינטשן זיך, עס זאָל בײַ אונדז זיך האַלטן.
מיר זענען מיט קיין מענער־האַרץ נישט זיכער,
ס'מעג זיין אונדז ווי אַזוי נאָך אָפּגעגעבן.
קורצדויריק איז די שיינקייט, וואָס פֿון איר
ווייזט איר נאָך אויס צו האַלטן. דאָס, וואָס בלייבט
אַ חוץ דער שיינקייט, איז פֿאַר אייך ווי טויט.
ווען ס'וואָלטן מענער זיין, וואָס קאָנען שעצן
אַ פֿרויענהאַרץ, און וואָלטן עס דערקענט
וואָס פֿאַר אַ טייערן אוצר פֿון געטריישאַפֿט
און ליבע ס'קאָן אַ פֿרויענהאַרץ פֿאַרמאָגן;
ווען דער זיכּרון פֿון די שענסטע שעהן
וואָלט אייך אין האַרצן לעבעדיק געבליבן;
ווען אײַער בליק, וואָס קוקט דורך אַלץ דאָך
דורך,
וואָלט דורכגעקוקט אויך דורך דעם שלייער, וואָס
די עלטער און די קראַנקהייט וואַרפֿט אויף אונדז;
ווען דער רשות, וואָס דאַרף צו מאַכן רויק,
וואָלט נישט געמאַכט אייך חשק צו אַ פֿרעמדגוט:
וואָלט זיך פֿאַר אונדז אַ שיינער טאָג באַוויזן,
מיר וואָלטן אונדזער גאָלדצייט דאַן באַגאַנגען.

טאַסכאָ

דו זאָגסט מיר ווערטער, וואָס דערוועקן ביי
האַלב שוין אַנטשלאָפֿנע זאָרגן אין מיין ברוסט.

פּרינצעסין

וואָס מיינסטו, טאַססאָ? רעד נאָר פֿריי מיט מיר!

טאַססאָ

איך האָב שוין אָפֿט געהערט, און די טעג ווידער
האָב איך געהערט דאָס, און ווען נישט, וואָלט איך
אַליין געקלערט דאָס: איידלע פּירשטן שטרעבן
זאָלסט זייער זיין! און וואָס מיר זען עס קומען,
דאָס שרעקט אונדז תּמיד, און פֿאַרשאַפֿט אונדז זאָרג.
פֿאַרלאָזן וועסטו אונדז, עס גייט נישט אַנדערש;
נאָר ווי דאָס צו דערטראָגן, ווייס איך נישט.

פּרינצעסין

אין אָט דער רגע דאגהט נישט דערפֿאַר.
כ׳וואָלט זאָגן שיער: אויף תּמיד דאגהט נישט.
דאָ בין איך גערן, גערן וויל איך בלייבן;
נאָך ווייס איך נישט קיין שידוך, וואָס מיך לאָקט;
און ווען איר ווילט מיך יאָ באַ זיך פֿאַרהאַלטן,
טאָ לאָזט עס מיך דורך אחדות זען, און מאַכט
אַליין זיך גליקלעך און מיט זיך אויך מיך.

טאַססאָ

אָ לערן מיך, דאָס מעגלעכע צו טון!
דיר שענק איך אַלע מיינע טעג אַוועק.
ווען ברייט צעבליט מיין האַרץ זיך, דיר צו
דאַנקען
און דיך צו רימען, דעמאָלט פֿיל איך ערשט
דאָס ריינסטע גליק, וואָס מענטשן קאָנען פֿילן.
דאָס העכסטע ווער איך נאָר אין דיר געוואָר.

דאָס מאַכט דעם חילוק צווישן ד'ערדן-געטער
און אַנדרע מענטשן, ווי פֿון גרויסן גורל
אַ חילוק איז צום ווילן און באַראָט
אפילו פֿון די קלוגסטע מענער. ס'רוב
ווען מיר זען מעכטיק כוואַליעס איבער כוואַליעס,
לאָזט איר ווי לייכטע ווען פֿאַר די פּיס
פֿאַרביי פֿאַררווישן אומבאַמערקט, הערט נישט
דעם שטורעם, וועלכער וואַרפֿט אונדז צו דער ערד.
פֿאַרנעמט נישט אונדזער יאָמערן און לאָזט,
אַזוי ווי קינדער אונדז, ווי אָרמע קינדער,
מיט זיפֿצן און געשריי די לופֿט דערפֿולן.
דו האָסט מיך אָפּט, אָ געטלעכע, געליטן,
און ווי די זון האָט מיר דיין בליק דעם טוי
פֿון מיינע אויגנס ברעמען אָפּגעטרוקנט.

פּרינצעסין

און ס'דאַרף אַזוי צו זיין, וואָס ס'קומען דיר
די פֿרויען ליב אַקייגן. ס'הייבט דאָך ביז
אין הימל זייער מין אַרויף דיין ליד.
צאַרט אָדער העלדיש, האָסטו זיי געוווּכט
אונדז אויסצומאָלן ליב און איידל שטענדיק,
און ווען אַרמידע מאַכט זיך ווענס פֿאַרהאַסט,
בעט אונדז איר ליבע און איר חן באַלד איבער.

טאַססאָ

און וואָס עס קלינגט אויך אָפּ באַ מיר אין ליד,
בין איך דאָס איינער, איינער שולדיק נאָר!
מיר שוועבט קיין גייסטיק בילד אַ נישט באַשטימטס,
פֿאַר מיין נשמה, וואָס אָט קומט עס נאָענט
אין ריזנגלאַנץ, און ציט זיך אָפּ אַבאַלד.
מיט מיינע אויגן האָב איך עס געזען,
דאָס משל-בילד פֿון צניעות און פֿון שיינעם.
וואָס כ'האָב נאָך איר געשאַפֿן, דאָס וועט בלייבן:
די העלדנליבע טאַנקרעדס צו כלאָרינדן,

ערמיניעס שטיל און נישטבאַמערקט געטרייִשאַפֿט,
סאָפֿראָניעס גרויסקייט און אַלינדעס נויט,
דאָס זענען נישט קיין שאָטנס פֿון אַ דמיון,
זיי זענען אייביק, ווייל זיי זענען אמת.
און וואָס האָט מער דאָס רעכט צו גיין אויף דורות
און זאָל השפעות אין דער שטיל צעשפּרייטן,
ווי די געפֿילן פֿון אַן איידלער ליבע,
אין האַרץ פֿון ליד אַריינגעלייגט בסוד?

פּרינצעסין

און ווען איך זאָל דיר נאָך אַ מעלה זאָגן,
וואָס, איי מען זעט, נאַרט אויס פֿאַר זיך דאָס ליד?
עס ציט אונדז צו אַלץ מער, מיר הערן זיך
אין זינגען איין, און ס׳דאַכט אונדז מיר פֿאַרשטייען,
וואָס מיר פֿאַרשטייען, קאָן מיר נישט נישט־לויבן.
און ס׳נעמט אַזוי צולעצט דאָס ליד אונדז איין.

טאַססאָ

וואָס פֿאַר אַ הימל עפֿענסטו פֿאַר מיר,
אָ פּירשטין! מאַכט מיך אָט דער גלאַנץ נישט בלינד,
טאָ זע איך אומגעריכט אַן אייביק גליק
אויף גאָלדנע שטראַלן ווי פֿון הימל קומען.

פּרינצעסין

נישט ווייטער טאַססאָ! ס׳איז אַ סך דאָ זאַכן,
וואָס מ׳דאַרף צו זיי זיך מיט אַן אימפּעט נעמען;
און אַנדרע קענען אונדזער ווערן נאָר
דורך איינגעהאַלטנקייט און רעזיגנאַציע.
דאָס גילט פֿון צניעות און פֿון יענער ליבע,
וואָס קער מיט איר זיך אָן. דאָס מאַך דיר קלאָר.

צווייטע סצענע.

טאַססאָ

איז דיר ערלויבט, די אויגן אויפצומאַכן?
וואַגסטו דיך אומצוקוקן? ביסט אַליין!
האָבן די זיילן אויך די רייד פאַרנומען?
און האָסט פאַר ד׳עדות, פאַר די שטומע עדות
פון העכסטן גליק צו שרעקן זיך? ס׳דערהייבט
די זון זיך פון דעם נייעם לעבנסטאָג,
וואָס איז צום פריערדיקן גאָרנישט גלייך.
די געטין קומענדיק אַראָפּ הייבט שנעל
דאָס מענטשנקינד אַרויף. וואָס פאַר אַ ראָד
שפּרייט ניי זיך פאַר מיין אויג? ס׳אַראַ מלוכה!
ווי טייער ווערט דער הייסער ווונטש מקוים!
איך האָב צום העכסטן גליק מיך נאָנט געחלומט
און אָט דאָס גליק גייט איבער אַלע חלומות.
דער בלינדגעבוירנער מעג זיך מאָלן ליכט
און פאַרבן ווי ער וויל. באַווייזט זיך אים
דער נייער טאָג, איז׳ס אים אַ נייער חוש.
פול פאָרגעפיל און לעבנס־חשק, שיכור
באַטרעט איך אָט דעם וועג. דו גיסט אַ סך,
דו גיסט, ווי ערד און הימל אונדז מתנות
מיט פולע הענט, וואָס גיין פאַר רייכקייט איבער
און פאָדערסט ווידער, וואָס פון מיר צו פאָדערן
גיט דיר דאָס רעכט נאָר אָט אַזאַ מין גאָב.
איך זאָל מיך ווייזן מעסיק, איינגעהאַלטן,
און זיך אַזוי פאַרדינען דיין פאַרטרויען.
פאַר וואָס׳רע מעשים, האָט זי מיך געווײַלט?
וואָס זאָל איך טון, כּדי זי ווערט צו זיין?
ס׳איז ווערט, ווייל זי האָט דיר געקאָנט פאַרטרוי׳ן.
אָ, פירשטין, דיינע ווערטער, דיינע בליקן
זאָל אייביק גאַנץ געהייליקט זיין מיין נפש!
יאָ, פאָדער, וואָס דו ווילסט, ווייל איך בין דיין!

זי זאָל מיך שיקן זוכן מי, סכּנות,
און רום אין ווייטע לענדער, זי זאָל מיר
די גאָלדנע האַרף אין שטילן וואַלד דערלאַנגען,
זאָל הייליקן מיך צו רו פאַר זיך צו כּבֿוד;
כ׳געהער איר. זי זאָל מיך בילדנדיק באַזיצן.
אַ־יעדן אוצר היט מיין האַרץ פאַר איר.
וואָלט אַ געצייג, אַ טויזנטפאַכיקס מיר
אַ גאָט געשענקט, וואָלט איך קוים אויסגעדריקט
מיין גרויס פאַרערונג, וואָס איך פיל פאַר איר.
דעם מאָלערס פענזעל און דעם דיכטערס ליפּ,
די זיסטע, וואָס איז נאָר אַמאָל געווען
געהאָדעוועט אויף האָניק, ווינטש איך מיר.
פון היינט מאָל אָן זאָל טאַססאָ שוין נישט קיינמאָל
זיך צווישן ביימער, צווישן מענטשן שוואַך
און מרה־שחורהדיק פאַרלירן ־ער.
ער איז נישט מער אַליין, ער איז מיט ד י ר.
אָ, אַז די איידלסטע פון אַלע מעשים זאָל
זיך מיר פאַר ד׳אויגן שטעלן דאָ, אַרומגערינגלט
פון שרעקלעכע סכּנות! כ׳וואָג מיך צו
און שטעל דאָס גאַנצע לעבן איין, וואָס כ׳האָב
אַצינד פון אירע הענט — די בעסטע מענטשן
וואָלט איך מיר אויפגעפאָדערט פריינט צו זיין,
כּדי אוממעגלעכס מיט אַן איידלער עדה
אויף אירס אַ ווונק און ווילן אויסצופירן.
פאַרוואָס האָט נישט דיין מויל פאַרהאַלטן דאָס,
וואָס ד׳האָסט געפילט, ביז וואַנעט וואָלסט געקאָנט
אַלץ ווערדיקער צו אירע פיס זיך לייגן,
ווי ד׳האָסט שוין אָפּגעמאַכט געהאַט אין זיך.
נאָר זאָל שוין זיין! פיל שענער איז עס, ריין
און אומפאַרדינט אַזאַ געשאַנק באַקומען,
ווי האַלב און האַלב צו קלערן, אַז מען האָט
אויך פאָדערן זי געמעגט. קוק אום דיך פריילעך!
ס׳איז אַזוי גרויס און ברייט, וואָס ס׳ליגט פאַר דיר,
און ס׳לאָקט דיך פריש אַ יוגנט פול בטחון

צו אומבאַקאַנטן העלן עתיד הײנט! —
הײב דיך מײן ברוסט! אַ הויך פֿון גוטן מזל
נעם דאָך אַמאָל די דאָז׳קע פֿלאַנץ אַרום!
זי שטרעבט צום הימל, טויזנט צװײגן דרינגען
פֿון איר אַפֿער, צעװיקלען זיך צו בליונג.
אָ, אַז זאָל פֿרוכט, אָ אַז זאָל נחת ברענגען.
אַז ס׳זאָל אַ ליבע האַנט די גאָלד־תּכשיטין
פֿון אירע פֿרישע רײכע היליעס ברעכן!

דריטע סצענע.

טאַססאָ, אַנטאָניאָ.

טאַססאָ

זײ מיר געגריסט, גלײך כ׳װאָלט דאָס ערשטע מאָל
אַצינד דערזען דיך! שענער איז מיר קײנער
נישט אָנגעזאָגט געװאָרן. זײ געגריסט!
דיר קען איך איצטער און דײן גאַנצן װערט,
דיר ביט איך, אָן צו קװענקלען, האַרץ און האַנט
און האָף, אַז דו װעסט מיך אויך נישט פֿאַרשטויסן.

אַנטאָניאָ

גאָר מילד ביטסטו מיר טײערע מתּנות,
און זײער װערט דערקען איך, װי איך דאַרף:
דרום לאָז מיך װאַרטן אײדער כ׳נעם זײ אָן.
איך װײס דאָך נישט, צי קען אויך איך זײ דיר
מיט גלײכן אָפּצאָלן. כ׳װאָלט גערן װעלן
נישט כאַפּנדיק און נישט אומדאַנקבאַר אויסזען:
לאָז מיך פֿאַר בײדע קלוג און זאָרגזאַם זײן.

טאַססאָ

װער װעט די קלוגשאַפֿט מוסרן? יעדער שריט
פֿון לעבן װײזט װי שטאַרק זי איז געניטיק.

באָר שענער איז עס, ווען אונדז זאָגט דאָס האַרץ,
ווי ס'לאָזט זיך אונדז באַגיין אָן פּיינער פּאָרזיכט.

אַנטאָניאָ

אויף דעם זאָל יעדער זיין נשמה פרעגן,
ווייל ער אַליין דאַרף אָפּקומען זיין פעלער

טאַססאָ

זאָל זיין אַזוי! איך האָב מיין חוב געטון.
דער פירשטינס וואָרט, וואָס ווינטשט זיך אונדז
פאַר פריינט,
האָב איך פאַרערט און דיר מיך פּאָרגעשטעלט.
צוריק-האַלטן האָב איך מיך נישט געטאָרט,
באָר איי־פוואַרפן מיך וויל איך זיכער נישט.
צייט און באַקאַנטשאַפט הייסן דיר נאָך אפשר
פאַרלאַנגען וואַרעמער די גאָב, וואָס איצט
ווערסטו זי קאַלט פון זיך, פאַרשטויסט זי שיר.

אַנטאָניאָ

דעם איינגעצוימטן רופן אָפּטמאָל קאַלט
די לייט, וואָס האַלטן זיך פאַר וואַרעמער פון יעדן,
ווייל זיי באַפאַלט די הייסקייט פליענדיק.

טאַססאָ

דו מוסרסט דאָס, וואָס איך אַליין פאַרמייד.
אויך איך פאַרשטיי עס גוט, ווי יונג איך בין,
די דויער פאַר צעהיצטקייט פּאָרצוצי'ן.

אַנטאָניאָ

גאַנץ קלוג! בלייב שטענדיק בּאַ דעם דאָזיקן שכל!

טאַססאָ

דו האָסט דאָס רעכט צו געבן עצות מיר,
צו וואָר'נען מיך, ווייל דיר שטייט צו דער זייט

געניטשאַפט, ווי אַן אויסגעפּרוּווטע פרײַנדין.
נאָר גלייב, עס הערט זיך איין אַ האַרץ, א שטילס
אויף יעדן טאָגס, אויף יעדער רגעס וואָרנונג
און פלייסט בסוד זיך אין די אַלע מעלות,
וואָס ס'האַלט דיין שטרענגקייט פאַר אַ נייער תורה.

אַנטאָניאָ

ס'אוודאי אָנגענעמען זיך מיט זיך
אַליין פאַרנעמען, נאָר צי איז עס גוצלעך.
פון אינעווייניק קאָן קיין מענטש זיין טיפסטס
דערקענען; ווייל ער מעסט נאָך אייגנער מאָס
צו קליין זיך באַלד און מערסטנטייל צו גרויס.
דער מענטש דערקענט זיך נאָר אין מענטשן, נאָר
דאָס לעבן לערנט יעדן, וואָס ער איז.

טאַססאָ

מיט פרייד און אַכטונג הער איך דיך אַזוי.

אַנטאָניאָ

און פאָרט קערסטו דיר באַ די דאָז'קע ווערטער
גאַנץ אַנדערש קלערן, ווי וואָס איך וויל זאָגן.

טאַססאָ

אויפן דאָז'קן אופן רוק מיר זיך נישט נענטער.
עס איז נישט קלוג, עס איז נישט גוט געטון
אַ מענטש בדעה וועלן איגנאָרירן.
מעג זיין אויך ווער ער איז. מ'האָט נישט געדאַרפט
דער פירשטינס וואָרט. איך האָב דיך לייכט דער-
קענט
איך ווייס עס, אַז דאָס גוטע ווילסט און שאַפסטו.
דיין אייגן גורל מאַכט דיר נישט קיין דאגות,
אָן אַנדרע קלערסטו, אַנדרע העלפסטו צו
און אויף דעם לעבנס לייכטבאַוועגטער כוואַליע
בלייבט פעסט דיין האַרץ. אַזוי זעט דיך מיין אויג.

וואָס וואָלט איך זיין, ווען כ׳גיי דיר נישט אַקעגן?
צי זוך איך נישט מיט גלוסטונג אויך אַ טייל
פון דעם פאַרשלאָסענעם אוצר, וואָס דו היטסט?
איך ווייס, דיר טוט נישט באַנג, ווען ד׳עפנסט זיך.
איך ווייס, דו ביסט מיין פריינט ווען דו דער-
קענסט מיך נאָר
און לאַנג באַדאַרפט האָב איך אַ פריינט ווי דו.
איך שעם מיך גאָר נישט מיט מיין אומגעניטשאַפט
און מיט מיין יוגנט. שטיל נאָך רוט אַרום
מיין קאָפ דער גאָלדנער נעפּל פון דעם עתיד.
נעם, איידלער מאַן, מיך צו צום בוזעם זיך
און הייליק מיך, דעם גיכן, אומגעניטן
צו אַ געלאַסענעם באַנוץ פון לעבן.

אַנטאָניאָ

אין איין מינוט פאַרלאַנגסטו מיטאַמאָל
וואָס גוטבאַקלערט שענקט נאָר די צייט אַליין.

טאַססאָ

אין איין מינוט אָפט אָבער שענקט די ליבע,
וואָס קוים אין לאַנגער צייט דערגרייכט די מי.
איך בעט עס נישט פון דיר, איך מעג פאַרלאַנגען.
כ׳רוף דיך אין נאָמען פון דער איידלקייט,
וואָס טראַכט די גוטע מענטשן צו פאַרבינדן.
און זאָל איך דיר נאָך אָנרופן אַ נאָמען?
די פירשטין האָפט און וויל עס — לעאָנאָרע,
זי וויל צו דיר מיך פירן, דיך צו מיר.
אָ לאָמיר צו איר ווונטש אַקעגנגיין!
לאָמיר פאַראייניקט קומען צו דער געטין
און ביטן אונדזער דינסט איר, אונדזער אַלץ,
באַנאַנד דאָס ווירדיקסטע פאַר איר צו טון.
נאָך איינמאָל! — אָט מיין האַנט אויף דעם!
קלאַפּ צו!
טרעט נישט צוריק און קווענקל דיך נישט לענגער,

אַ אײדלער מאַן, און טו מיר די הנאה,
די שענסטע פֿון די גוטע מענטשן, װיך
דעם בעסערן אָן צוריקהאַלט איבערגעבן!

אַנטאָניאָ

דו גײסט מיט פֿולע זעגל! ביזט אַפּנים
געװױנט נאָר צו נצחונות, אומעטום
צו טרעפֿן טיר און טױער ברײט צעפּראַלט.
כ׳פֿאַרגין אַ יעדן װערט און יעדעס גליק
דיר גערן. נאָר איך זע עס אײַן צו גוט,
נאָך שפּאַר מיר אָן פֿונאַנדער גאָר צו װײַט.

טאַססאָ

קאָן זײַן אָן יאָרן, אָן געפּרוװטן װערט.
אָן מוטיקײט און װילן װײך איך קײנעם.

אַנטאָניאָ

דער רצון נאַרט די מעשׂים נישט אַרײַן,
די מוטיקײט שטעלט־פֿאָר דעם װעג זיך קירצער.
װער ס׳איז צום ציל געקומען, װערט געקרײנט,
און ס׳רוב באַגײן זיך װירד׳קע אָן אַ קרױן.
דאָך זענען לײַכטע קרענץ פֿאַראַנען, קרענץ
פֿון זײער פֿאַרשיד׳נעם מין. זײ לאָזן זיך
אָפּט אין שפּאַצירן-גײן באַקװעם דערגרײכן.

טאַססאָ

װאָס ס׳שענקט דער גאָט פֿון גליק דעם אײנעם פֿרײַ,
און זאָגט עס אָפּ דעם אַנדערן שטרענג, אַזױנס
דערגרײכט נישט יעדער, װי ער װיל און װינטשט.

אַנטאָניאָ

שרײַב דאָס אױף חשבון פֿון דעם גאָט פֿון גליק
איך הער עס גערן. װײַל זײַן װאַל איז בלינד.

טאַססאָ

אויך יושר גייט־אַרום פֿאַרדעקט דאָס פּנים,
פֿאַרמאַכט פֿאַר יעדער בלענדעניש די אויגן.

אַנטאָניאָ

ס׳איז רעכט, ווען דער באַגליקטער לויבט דאָס גליק.
מאָלט צו אים אָפּ׳נע אויגן פֿאַרן פֿאַרדינסט
אַ קלוגע בחירה, שטרענגע פּינקטלעכקייט,
רוף עס מינערוואַ, רוף עס ווי ער וויל,
האַלט גנעדיקע מתּנה פֿאַר זיין שכר,
צופּעליקן פּוץ פֿאַר רעכטלעכע תּכשיטין.

טאַססאָ

דו דאַרפֿסט נישט דייטלעכער צו רעדן. ס׳איז גענוג!
איך קוק דיר טיף אין האַרץ אַריין און קען
דך שוין אויפֿן גאַנצן לעבן. וואָלט אַזוי
דיך אויך געקענט מיין פֿירשטין! נישט פֿאַרשווענד
די פֿיילן פֿון די אויגן, פֿון דער צונג!
דו ווענדסט אומזיסט זיי אויף דעם גרינעם קראַנץ,
דעם נישט פֿאַרוועלקנדיקן אויף מיין קאָפּ.
צוערשט זיי אַזוי גרויס, צו זיין אָן קינאה,
ווערסטו אים אפשר מעגן זיך באַגערן.
איך האַלט אים הייליק און פֿאַרן העכסטן גוטס:
דאָך וויין מיר יענעם, וואָס האָט דאָס דערגרייכט,
נאָך וואָס איך שטרעב, וויין מיר דעם העלד, פֿון וועלכן
מיר האָבן נאָר דערציילט אַמאָל די מעשׂות.
דעם דיכטער שטעל מיר פֿאָר, וואָס מעג זיך מיט
האָמער פֿאַרגלייכן, מיט ווירגיל, יאָ וואָס
ס׳איז מער געזאָגט נאָך, וויין מיר יענעם מאַן,
וואָס האָט דעם דאָזיקן שכר דרייפֿאַך פֿאַרדינט,

וואָס אים האָט דריימאָל מער ווי מיך די קרוין
פאַרשעמט: זאָלסטו מיך זען אַ קניענדיקן
פאַרן גאָט, וואָס האָט אַזוי באַשאָנקען מיך;
נישט פריער וואָלט איך אויפשטיין ביז עס וואָלט
דאָס צירונג פון מיין קאָפּ אויף זיינעם דרוקן.

אַנטאָניאָ

ביז דעמאָלט בלייבסטו זי בוודאי ווערט.

טאַססאָ

מען מעג מיך וועגן, כ'וועל דאָס נישט פאַרמיידן,
פאַראַכטונג אָבער האָב איך נישט פאַרדינט.
די קרוין, וואָס ס'האָט מיין פירשט מיך ווערט
געהאַלטן,
וואָס ס'האָט מיין פירשטינס האַנט פאַר מיר געבונדן,
זאָל קיינער נישט באַספקן מיט שפּאָט!

אַנטאָניאָ

עס פאַסט דער הויכער טאָן, די שנעלע היץ
נישט דיר לגבי מיר, נישט דיר אויפן דאָזיקן אָרט.

טאַססאָ

וואָס דו דערלויבסט זיך דאָ, דאָס פאַסט אויך מיר.
ליגט אפשר דאָ אַ חרם אויף דעם אמת?
איז דער פּאַלאַץ פאַר פרייען גייסט אַ תפיסה?
זאָל דאָ אַן איידלער מענטש נאָר דריקונג ליידן?
מיר דאַכט זיך, הויכקייט איז דאָ אין איר היים,
נשמה-הויכקייט! טאָר זי זיך נישט פרייען
מיט דער נאָענטקייט צו די גרויסע פון דער ערד?
דאָס מעג און זאָל זי. צו די פירשטן נאָענט
קום מיר דורך יחוס נאָר, וואָס גייט פון ד'אָבות;
פאַרוואָס נישט דורך דעם האַרץ, וואָס ס'האָט די
טבע
נישט יעדן גרויס געשענקט, ווי ז'האָט נישט יעדן

געקאָנט אַ שורה גרויסע אָבֿות געבן.
נאָר קלײנקײט װאָלט געדאַרפֿט זיך ענג דאָ פֿילן,
די קינאה, װאָס באַװײזט זיך, זיך צו שאַנד:
אַזוי װי ס'טאָר קײן שמוציק שפּינװעבס נישט
באַהעפֿטן צו די דאָז'קע מאַרמאָר-װענט.

אַנטאָניאָ

דו װײזסט מיר ס'רעכט, מיט דיר צו װאַרפֿן זיך,
אַלײן

דאָס װילד צעהיצטע ייִנגל װיל דעם צוטרױ
און פֿרײנטשאַפֿט בײַ דעם מאַן אױף כּח נעמען?
אָן מידות װי דו ביסט, און מאַכסט דיך גוט?

טאַססאָ

ס'איז ליבער דאָס, װאָס ס'הײסט בײַ אײַך אָן מידות,
װי אײדער דאָס, װאָס כ'רוף בײַ מיר נישט-אײדל.

אַנטאָניאָ

דו ביסט נאָך יונג גענוג, אַז גוט דערציִונג
זאָל דיך נאָך לערנען גײן אַ בעסערן װעג.

טאַססאָ

נישט יונג גענוג, מיך פֿאַר אָפּגאָט צו בײגן,
און טראָץ מיט טראָץ צו צוימען, אַלט גענוג.

אַנטאָניאָ

װו ליפּנשפּיל און סטרונעסשפּיל גײען אָן,
דאָרט גילטסטו פֿאַר אַ העלד און בעל נצחון.

טאַססאָ

ס'װאָלט עזות זײן, זיך מיט מײן פֿויסט באַרימען,
ז'האָט גאָר נישט אױפֿגעטון, נאָר איך פֿאַרטרױ
אױף איר.

אַנטאָניאָ

גערטרויסט דער שוינונג, וואָס האָט דיך צו שטאַרק
אין ווילדן יאָגן פֿון דיין גליק פֿאַרצויגן.

טאַססאָ

אַז כ'בין דערוואַקסן, איצטער פֿיל איך עס.
מיט דיר לפּחות וואָלט איך מיר געווונטשן
דאָס גליקשפּיל מיט די וואָפן אויסצופּרוּוון:
נאָר דו שאַרסט־צו און נערסט דעם זשאַר, עס קאָכט
אין מיר דער מאַרך, די תּאווה נאָך נקמה,
די שמערצלעכע, זידט שוימענדיק אין ברוסט.
ביסטו דער מאַן, וואָס שטעלסט דיך פֿאָר, טאָ
שטיי מיר!

אַנטאָניאָ

ווייסט אַזוי ווייניק, ווער, ווי ווו דו ביסט!

טאַססאָ

קיין הייליקייט הייסט אונדז די שאַנד דערטראָגן.
דו לעסטערסט, דו אַנטהייליקסט אָט דאָס אָרט.
נישט איך, וואָס כ'האָב דיר צוטרוי, כּבֿוד, ליבשאַפֿט,
די ערלעכסטע קרבּנות צוגעטראָגן.
דיין גייסט פֿאַרשוועכט דעם דאָזיקן גן־עדן,
און דיינע רייד דעם דאָזיקן ריינעם זאַל,
און נישט דאָס הויכגעפֿיל פֿון מיין נשמה,
וואָס ברויזט, דעם קלענסטן פֿלעק נישט צו
דערליידן.

אַנטאָניאָ

וואָס פֿאַר אַ הויכער גייסט איז אין אַן ענגער ברוסט!

טאַססאָ

דאָ איז נאָך פּלאַץ דאָס האַרץ זיך אָפּצוקילן.

אַנטאָניאָ

עס קילט דאָס פֿאָלק זיך אויך אַזוי מיט ווערטער.

טאַססאָ

ביסטו אַן איידלמאַן ווי איך, באַווייז עס!

אַנטאָניאָ

איך בין עס ווײל, נאָר כ׳ווייס אויך ווו איך בין.

טאַססאָ

קום מיט אַראָפּ, ווו דאָס כּלי־זין גילט.

אַנטאָניאָ

ווי דו טאָרסט מיך נישט פֿאָדערן, גיי איך נישט.

טאַססאָ

די מניעה איז דעם פּחדן צו דער האַנט.

אַנטאָניאָ

דער פּחדן שרעקט נאָר, ווען ער פֿילט זיך זיכער.

טאַססאָ

מיט פֿרייד זאָג איך מיך אָפּ פֿון דאָזיקן שוץ.

אַנטאָניאָ

פֿאַרגיב נאָר זיך, דעם אָרט פֿאַרגיסטו גאָרנישט.

טאַססאָ

זאָל מוחל זיין דאָס אָרט, וואָס כ׳האָב געליטן.

(ער ציט זיין שווערד)

צי אָדער קום, ווען איך זאָל נישט אויף אייביק
פֿאַראַכטן דיך, אַזוי ווי כ׳האָב דיך פֿיינט!

פערטע סצענע.

די פריערדיקע, אַלפאָנס.

אַלפאָנס

אין וואָסער שטרייט טרעף איך אייך אומגעריכט?

אַנטאָניאָ

מיך טרעפסטו דאָ, אָ פירשט, געלאַסן שטיין
פאַר איינעם, וואָס אים האָט שיגעון באַפאַלן.

טאַססאָ

איך בעט דיך, ווי מען בעט צו גאָט אַליין,
זאָלסט מיט איין בליק מיך צוימען וואָרנענדיק.

אַלפאָנס

דערציייל, אַנטאָניאָ, און טאַססאָ רעד,
ווי האָט זיך אין מיין הויז געקריג געריסן?
ווי האָט ער אייך געכאַפט, ווי פון דעם וועג
פון מידות, און געזעצן אָפגעריסן
צום טומל קלוגע מענער? כ׳בין נשתומם!

טאַססאָ

דו קענסט אונדז ביידע נישט, איך מיין אַזוי.
דער דאָזיקער מאַן, וואָס שמט פאַר קלוג און איידל,
האָט רוי און מיאוס זיך קעגן מיר באַנומען
נאָר ווי אַ נישט־דערצויג׳נער, גראָבער מענטש.
כ׳געגנען מיך צוטרוילעך, און ווער פאַרשטויסן;
פאַרעקשנט ליבפול שטופ איך מיך צו אים,
און ביטערער אַלץ און ביטערער רוט ער נישט
ביז ר׳האָט דעם ריינסטן טראָפן בלוט אין מיר
צו גאַל פאַרקערט. זיי מוחל! דו האָסט מיך
געטראָפן אַ צעווילדעטן. אָט דער
איז שולדיק אַלץ, ווען איך האָב מיך פאַרשולדיקט.

ער האָט דעם זשאַר צערירט מיט אַלע כּוחות
וואָס מיך האָט אָנגעכאַפּט און אונדז באַשעדיקט.

אַנטאָניאָ

אים האָבן דיכטער־פליגל מיטגעריסן!
דו האָסט, אָ פירשט, צוערשט צו מיר גערעדט,
האָסט מיך געפרעגט: זאָל זיין מיר איצט דערלויבט,
נאָך דעם צעהיצטן רעדער אויך צו רעדן;

טאַססאָ

אָ יאָ, דערציילט, דערצייל נאָר וואָרט בּאַ וואָרט!
און קענסטו יעדע זילב און יעדע מינע
פאַר אָט דעם שופט שטעלן, טו עס נאָר.
באַליידיק זיך אַליין צום צווייטנמאָל,
זאָג עדות קעגן זיך. איך וויל דערויף
נישט לייקענען קיין הויך, קיין דופק־קלאַפּ.

אַנטאָניאָ

אויב ד'האָסט נאָך מער צו רעדן עפּעס, רעד:
ווען נישט, טאָ שווייג־זשע און האַק מיר נישט איבער!
צי איך, מיין פירשט, צי אָט דער הייסער קאָפּ
האָט אָנגעהויבן די מחלוקה? ווער ס'איז
דער, וואָס האָט אומרעכט? איז אַ ברייטע שאלה,
וואָס איז נאָך קודם־כל אויף זיך געשטעלט.

טאַססאָ

פאַרוואָס? מיר דאַכט זיך, ס'איז די ערשטע שאלה
ווער פון אונדז צוויי ס'האָט אומרעכט אָדער רעכט.

אַנטאָניאָ

נישט גאַנץ, ווי ס'מעג דער אומבאַגרענעצטער
געדאַנק באַרעכנען.

אַלפאָנס

אַנטאָניאָ!

אנטאניא

מײַן פֿירשט, איך ער דײַן װונק, נאָר זאָל ער
שװײַגן:
האָב איך געענדיקט, מעג ער װײַטער רעדן;
דו װעסט אַנטשײדן. דאָס נאָר װיל איך זאָגן.
איך קען מיט אים נישט צו אַ דין גײן, סײ
פֿאַרקלאָגן, סײ מיך װערן קאָן איך נישט,
נישט אָנמיטן אַ סאַטיספֿאַקציע.
װײַל, װי ער שטײט, איז ער קײן פֿרײַער מאַן.
ס'איז שולט איבער אים אַ שװערער חוק,
װאָס װעט דײַן חסד העכסטנס מילדער מאַכן.
ער האָט מיך דאָ געשראָקן, מיך געפֿאָדערט;
ר'האָט קוים פֿאַר דיר זײַן נאַקעט שװערד באַהאַלטן.
װען דו װאָלסט, האַר, נישט גראָד אין מיט געקומען,
װאָלט איך איצט אויך, פֿאַרגעסנדיק מײַן חוֹב,
מיטשולדיק און פֿאַרשעמט פֿאַר דיר געשטאַנען.

אַלפֿאָנס

(צו טאַססאָ)

דו האָסט נישט רעכט געטון.

טאַססאָ

מיך שפּרעכט, אָ האַר,
מײַן אײגן האַרץ און זיכער דײַנס אויך פֿרײַ.
יאָ, אמת, כ'האָב געשראָקן און געפֿאָדערט,
די שװערד געצויגן. נאָר װי בײז האָט מיך
זײַן צונג מיט אויסגערעכנטקײט פֿאַרװונדיקט,
װי שאַרף און גיך האָט מיר זײַן צאָן געשפּריצט
דעם פֿײַנעם סם אין בלוט, װי ער האָט מער,
אַלץ מער צעהיצט דאָס פֿיבער — קלערסט עס נישט!

געלאַסן קאַלט האָט ער מיך אויסגעהאַלטן,
מיך ביז צום שפּיץ געטריבן. אָ, דו קענסט,
דו קענסט אים נישט און ווייסט אים קיינמאָל קענען!
כ׳האָב וואַרם אים שענסטע פֿריינטשאַפֿט אָנגעבאָטן,
ער האָט די גאָב מיר פֿאַר די פֿיס געוואָרפֿן;
וואָלט מיין נשמה נישט געווען געגליט,
וואָלט זי נישט ווערט געוועזן שוין דיין חסד,
דיין דינסט אויף אייביק. האָב איך אָן געזעץ,
אָן דאָזיקן אָרט פֿאַרגעסן, טאָ זיי מוחל!
אויף קיין שום אָרט נישט טאָר איך נידריק זיין,
דערנידריקונג אויף קיין שום גרונט נישט ליידן.
ווען אָט דאָס האַרץ, מעג זיין אויך, ווו עס וויל,
פֿאַרזינדיקט זיך פֿאַר דיר און זיך, טאָ שטראָף
און לאָז מיך קיינמאָל פֿאַר די אויגן טרעטן!

אַנטאָניאָ

ווי לייכט דער יונגער טראָגט די שווערע משאות
און טרייסלט פֿעלער ווי דעם שטויב פֿון מלבוש!
עס וואָלט געחידושט, ווען די כּשוף־קראַפֿט
פֿון פּאָעזי וואָלט נישט באַקאָנט זיין, זי,
וואָס האָט מיט דעם אוממעגלעכסטן זיך ליב
אַ שפּיל צו מאַכן. צי אויך דו, מיין פֿירשט,
צי אַלע דיינע דינער האַלטן אָט דעם טריט
אַזוי פֿאַר גאָרנישט, בין איך שיר מסופּק.
דיין כּבֿוד האָט פֿאַרשפּרייט זיין שוץ
אויף אַלץ, וואָס קומט ווי צו אַ גאָט צו אים
און צו זיין וווינונג נאָענט, ווי אין אַ מקלט.
ווי בײַ דעם פֿוס פֿון דעם מזבח, שטילט
זיך אויף דער שוועל אַ יעדע ליידנשאַפֿט.
דאָ בלינקט קיין שווערד, דאָ פֿאַלט קיין צאָרן־וואָרט,
דאָ פֿאָדערט קיין באַליידיקונג אויך נקמה.
עס בלייבט דאָס ברייטע פֿעלד אַן אָפֿנער פּלאַץ,
גענוג פֿאַר צאָרן און פֿאַרביטערטן רוגז.
דאָרט שרעקט קיין פּחדן און קיין מאַן מאַכט פּליטה.

די דאָזיקע מוירן האָבן דיינע אבות
געגרונטפעסטיקט אויף זיכערקייט, אַ מקדש
פאַר זייער ווירדיקייט געזעצט, די רו
מיט שווערע שטראָפן ערנסט, קלוג דערהאַלטן;
פאַרטרייבונג, תּפיסה, טויט, געזעצט פאַר שולדיקע.
נישט קוקנדיק אויפן אָנזען, האָט קיין מילדקייט
נישט אָפּגעהאַלטן ד'אָרעמס פון דעם יושר,
און דער פאַרברעכער איז געווען מיט מורא.
איצט זע מיר, נאָך אַ לאַנגן, שיינעם שלום
זיך אומקערן אויף דעם פעלד פון מידות
די רויע מילדקייט אין אַ טומל; האַר,
באַשטראָף! ווייל ווער קאָן וואַנדלען אין זיין חובֿ
געענגטע גרענעצן, ווען אים באַשיצט
נישט דאָס געזעץ און ס'כּוח פון זיין פירשט?

אַלפאָנס

מער ווי איר ביידע זאָגט און קאָנט מיר זאָגן,
לאָזט אומפּאַרטייאיש מיך דאָס האַרץ פאַרנעמען.
פיל שענער וואָלט איר אייער חובֿ געטאָן,
ווען איך וואָלט נישט געדאַרפט דאָס משפט געבן:
ווייל דאָ קער רעכט און אומרעכט נאָנט זיך אָן.
אויב ס'האָט באַליידיקט דיך אַנטאָניאָ,
האָט ער אויף ערגעץ וואָסער אופן דיר
גענוג צו טאָן, ווי דו וועסט עס פאַרלאַנגען,
מיר וואָלט עס ליב זיין, איר ווילט מיך צום שליש.
נאָר דיין פאַרזינדיקונג, אָ טאַססאָ, מאַכט
דיך צום געפאַנגענעם. ווי איך בין דיר מוחל:
אַזוי וועל איך ס'געזעץ פאַר דיר דערלייכטערן.
פאַרלאָז אונדז, טאַססאָ! בלייב באַ דיר אין צימער,
אַליין מיט זיך, פון זיך אַליין באַוואַכט!

טאַססאָ

איז דאָס, אָ פירשט, דיין ריכטערלעכער פּסק?

אַנטאָניאָ

דערקענסטו נישט די מילדקייט פון דעם פאָטער?

טאַססאָ

(צו אַנטאָניאָ)

כ'האָב קודם־כל מיט דיר נישט וואָס צו רעדן.

(צו אַלפאָנס)

אָ פירשט, דיין ערנסט וואָרט גיט איבער מיך,
דעם פרייען, אין דער תפיסה. גוט, מעג זיין!
האַלטסט עס פאַר רעכט! פאַרערנדיק דיין וואָרט
הייס איך דאָס האַרץ אין מיר אין טיפן שווייגן.
ס'איז ניי מיר, ניי אַזוי, אַז כ'קען שיר נישט
נישט דיך, נישט מיך, נישט אָט דאָס שיינע אָרט.
נאָר דעם דאָ קאָן איך גוט — איך וויל דיך
פאָלגן,
כאָטש איך וואָלט דאָ געקענט און וואָלט געדאַרפט
א סך נאָך זאָגן. מיר פאַרשטומט די ליפ.
ס'איז אַ פאַרברעך געווען? ס'ווייזט אויס אַזוי,
מען נעמט מיך אָן פאַר אַ פאַרברעכער.
און וואָס אויך ס'זאָגט מיין האַרץ, איך בין
געפאַנגען.

אַלפאָנס

דו נעמסט עס העכער אויף, ווי איך אַליין.

טאַססאָ

מיר בלייבט עס אומבאַגרייפלעך, ווי עס איז.
ניין, אומבאַגרייפלעך נישט, כ'בין נישט קיין קינד;
איך מיין שיר, אַז איך מוז עס קענען קלערן.
אויף איינמאָל טוט אַ קלאָרקייט מיר אַ בלישטש,
נאָר אין דער רגע פאַרבאַהאַלט עס זיך,

איך הער מיין משפט נאָר און בייג מיך נאָך.
דאָס זענען שוין צופֿיל אומזיסט'קע ווערטער!
געוויין־דיך פֿון אַצינדער אָן צו פֿאָלגן;
אָנמעכט'קער! ד'האָסט פֿאַרגעסן, ווו דו שטייסט;
די געטערס זאָל איז דיר געווען די ערד,
איצט שטייסטו איבערראַשט פֿון גיכן פֿאַל:
פֿאָלג גערן, ווייל עס פּאַסט זיך פֿאַר דעם מאַן,
אויך ווילִיק, וואָס עס קומט אָן שווער, צו טון.
דאָ נעם די שווערד ערשט, וואָס ד'האָסט מיר
געגעבן,
בעת כ'האָב דעם קאַרדינאַל באַגלייט קיין פֿראַנקרייך.
כ'האָב נישט מיט רום געפֿירט עס, נישט מיט שאַנד;
אויך היינט נישט. פֿון דער האָפֿנונג־פֿולער גאָב
זאָג איך מיט טיפֿגערירטן האַרץ זיך אָפּ.

אַלפֿאָנס

ווי איך פֿאַרהאַלט מיך צו דיר, פֿילסטו נישט.

טאַססאָ

צו פֿאָלגן איז מיין גורל, נישט צו קלערן!
און ליידער פֿאָדערט פֿון מיין זייט דאָס מזל
פֿאַרלייקנונג פֿון אַ הערלעכן געשאַנק.
די קרוין איז אַ געפֿאַנגענעם נישט שיין.
איך נעם אַליין מיר פֿון דעם קאָפּ דאָז צירונג,
וואָס האָט זיך מיר געדאַכט אויף אייביק מיין.
איך האָב צו פֿרי דאָס שענסטע גליק דערהאַלטן.
און ס'ווערט, גלייך כ'וואָלט דערמיט מיך גרויס־
געהאַלטן,
מיר נאָר צו גיך געצרויבט.
נעמסט דיר אַליין, וואָס קיינער האָט געקאָנט,
און וואָס קיין גאָט גיט נישט צום צווייטן מאָל.
מיר מענטשן ווערן וווּנדערבאַר געפּרווט.
נישט אויסגעהאַלטן וואָלט מיר, ווען די טבע
וואָלט אונדז דעם ליבן לייכטזין נישט געשענקט,

מיט אומגעשאַצטע אוצרות לערנט אונדז
אויסבערענגעריש די נויט געלאַסן שפּילן:
מיר מאַכן ווילּיק אויף די הענט, כּדי
אַ גוטס זאָל אונדז אַנטלויפן אויף פאַרפאַלן.
מיט אַט דעם קוש פאַרייניקט זיך אַ טרער
און איז דיך מקריב דער פאַרגאַנגלעכקייט!
ס'ערלויבט דער ליבער צייכן פון דער שוואַכקייט.
ווער וואָלט דען נישט געוויינט, ווען דאָס אומ־
שטערבלעכע
אַפילו איז נישט זיכער פאַר צעשטערונג?
געזעל דיך צו דעם דאָזיקן שווערד, וואָס האָט
דיך נישט דערוואָרבן! אַרום אים געשלונגען,
רו, ווי אויפן אָרון פון די העלדן, אויף
דעם קבר פון מיין גליק און פון מיין האָפנונג!
דאָ לייג איך ביידע צו די פיס דיר ווילּיק;
ווייל ווער קאָן זיין געוואָפנט, ווען דו צאָרנסט?
און ווער באַשיינט, ווען דו ווילסט אים נישט
קענען?
געפאַנגען גיי איך און איך וואַרט דעם משפּט.

(אויפן ווינק פון פּירשט הייבט דער פּאַזש אויף די שווערד מיטן קראַנץ און טראָגט עס אַוועק).

פיפטע סצענע.

(אַלפאָנס, אַנטאָניאָ)

אַנטאָניאָ

ווו פלאַטערט היין דאָס יינגל? סאַראַ פאַרבן
באַמט ער צום אויסמאָלן זיין ווערט, זיין גורל?
געענגט און נישטגעניט האַלט זיך די יוגנט
פאַר איינציק אויסדערוויילט פאַר אַלעמען,
און אַלץ אַקענן אַלע זיך ערלויבט,
ער זאָל געשטראָפט זיך פילן. שטראָף הייסט, טון

דעם יונגן גוטס, ער זאָל אַלס מאַן אונדז דאַנקען.

אַלפאָנס

ער איז געשטראָפּט, כ'האָב מורא, נאָר צופיל.

אַנטאָניאָ

ווען דו ווילסט קייגן אים מיט מילדקייט האַנדלען,
טאָ גיב, אָ פירשט, די פרייהייט אים צוריק,
און זאָל די שווערד באַשליסן אונדזער סיכסוך.

אַלפאָנס

ווען דאָס פאַרלאַנגט די מיינונג, מעג עס זיין.
נאָר זאָג, ווי האָסטו דען זיין כעס גערייצט?

אַנטאָניאָ

איך קאָן אַליין נישט זאָגן ווי אַזוי:
אַלס מענטש האָב איך אים אפשר ווייגעטאָן,
אַלס איידלמאַן האָב איך אים נישט באַליידיקט,
און פון די ליפּן איז אים אויך אין צאָרן
קיין נידריק וואָרט געפאַלן.

אַלפאָנס

אַזוי האָט מיר
אויך אייער שטרייט זיך אויסגעוויזן, איצט
באַשטעטיקסטו מיר, וואָס כ'האָב פריער געקלערט.
ווען מענער קריגן זיך, איז רעכט, צו האַלטן
דעם קליגסטן פאַר דעם שולדיקן. וואָלסט נישט
געווען באַדאַרפט מיט אים צעברוגזט ווערן.
ס'וואָלט מער געפּאַסט פאַר דיר, אים מדריך זיין.
ס'איז דאָ קיין פאַל, וואָס צווינגט איך צו אַ שטרייט.
ווי לאַנג ס'איז שלום, ווינטש איך מיר, באַ מיר
אין הויז אים צו געניסן, ברענג די רו
אַהער צוריק ווי פריער. דו קאָנסט עס לייכט.
לעאָנאָרע סאַנוויטאַלע זאָל צוערשט

מיט צאַרטער ליפּ אים פּרווון איינצונעמען:
דערנאָך קום דו צו אים און גיב אים אין מ י י ן
נאָמען
די פולע פרייהייט ווידער און געווין
מיט איידלע, אמתדיקע רייד ז י י ן צוטרוי!
און דאָס טו באַלד, ווי ס'וועט דיר נאָר זיין
מעגלעך:
דו וועסט אַלס פריינט און פאָטער מיט אים רעדן.
נאָך פאַר דעם אָפּפאָר וויל איך זעען שלום,
דיר איז קיין זאַך אוממעגלעך, ווען דו ווילסט.
מיר בלייבן ליבער לענגער דאָ א שעה,
דאַן זאָלן זאַנפט פאַרענדיקן די פרויען
וואָס דו האָסט אָנגעהויבן. איידער וואָס,
וועט שוין דער לעצטער זכר זיין פאַרווישט
פון דאָזיקן גיכן איינדרוק. ס'ווייזט מיר אויס,
דו ווילסט דיין קונסט נישט לאָזן זשאַווערן! דו
האָסט איין געשעפט נאָר וואָס פאַרענדיקט, שוין
ביסטו שוין ווידער דאָ און האָסט אַ נייס.
איך האָף, אַז אויכעט דאָס וועט דיר געלינגען.

אַנטאָניאָ

איך שטיי פאַרשעמט און זע אין דיינע ווערטער
ווי אין דעם לויטערסטן שפּיגל מיין עבירה!
גאָר לייכט קומט אָן אַן איידלען האַר צו פאָלגן,
וואָס צייגט אונדז איבער, בעת ער גיט באַפעלן.

דריטער אַקט.

ערשטע סצענע.

פרינצעסין (אַליין).

פרינצעסין

זוי זוימט זיך לעאָנאָרע? שמאַרצלעכער
באַוועגט מיט יעדער רגע מיר די זאָרג
דאָס האַרץ. כ׳ווייס קוים, וואָס ס׳איז געשען,
כ׳ווייס קוים, ווער פֿון זיי ביידע איז דאָ שולדיק.
זי דאַרף שוין קומען! כ׳וואָלט דאָך גערן נישט
גערעדט מיטן ברודער, מיט אַנטאָניאָן
ביז כ׳האָב מיך מער געפֿאַסט, ביז כ׳האָב פֿאַרנומען,
ווי ס׳האַלט מיט זיי, און וואָס עס קאָן נאָך קומען.

צווייטע סצענע.

פרינצעסין לעאָנאָרע.

פרינצעסין

וואָס ברענגסטו, לעאָנאָרע? זאָג עס מיר.
וואָס איז מיט אונדזרע פריינט? וואָס איז געשען?

לעאָנאָרע

מער ווי מיר ווייסן, בין איך נישט דערגאַנגען.
צונאַנדגעשטויסן שווער, די שווערד כאַפּט
טאַססאָ,
דיין ברודער קומט, צעשיידט זיי: ס'ווייזט זיך אויס,
אַז אָנגעהויבן האָט דער ערשטער טאַססאָ.
אַנטאָניאָ גייט פריי אַרום און רעדט
מיטן פירשט; נאָר טאַססאָ, אַ פאַרטריבענער,
האַלט אויף זיך אין זיין צימער און אַליין.

פרינצעסין

אַנטאָניאָ האָט אים גערייצט אַוודאי,
באַליידיקט קאַלט און פרעמד דעם הויכגעשטימטן.

לעאָנאָרע

מיר דאַכט זיך אויך! אַ וואָלקן האָט געוויזן
זיך אויף זיין שטערן, ווען ר'איז צוגעקומען.

פרינצעסין

אַך, ווי אַזוי מיר קאָנען דאָך פאַרגעסן,
צו גיין נאָכן שטילן ריינעם ווונק פון האַרץ!
גאַנץ שטיל רעדט אין דעם האַרצן אונדז אַ גאָט,
גאַנץ שטיל, מען קאָן עס הערן, ווייזט אונדז אָן,
צו וואָס צו נעמען זיך און וואָס צו מיידן.
אַנטאָניאָ האָט מיר געוויזן זיך היינט פרי

נאָך פֿרעמדער, פֿינסטרער ווי אַן אַנדערש מאָל.
דאָס הארץ האָט מיך געוואָרנט, ווי נאָר טאַססאָ
האָט נעבן אים געשטעלט זיך. קוק פֿון אויבן
די צוויי נאָר אָן, דאָס פּנים און דעם טאָן,
דעם בליק, דעם טריט! ס'איז אַלץ דעם אַנדערנס
היפּוך
זיי קאָנען קיינמאָל זיך מיט ליבשאַפֿט ביגדן.
דאָך האָט מיך צוגערעדט די האָפֿענונג
די בלענדערין: זיי האָבןביידע שכל,
און זענען איידלע, ביידע, דיינע פֿריינט;
און וואָס איז זיכ'רערס, ווי דער בונד פֿון גוטע?
איך האָב דעם ייִנגערן געטריבן, טאַססאָן.
ווי שיין, ווי וואַרם האָט ער זיך גאַנץ געגעבן!
ווען כ'וואָלט אויך מיט אַנטאָניאָן גערעדט!
כ'האָב נאָך געוואַרט, די צייט איז קורץ געווען;
כ'האָב מיך געהיט, באַ ד'ערשטע ווערטער גלייך
דעם יונגנמאַן אים הייס רעקאָמענדירן.
פֿאַרלאָזט אויפֿן מנהג זיך און העפֿלעכקייט,
אויף פֿירונג פֿון אַ וועלט, וואָס גלאַטיק מאַכט
אַ וועג פֿאַר פֿיינט אפֿילו. כ'האָב פֿאַר ווילדקייט,
וואָס פּאַסט דער שנעלער יוגנט, נישט געהאַט
קיין מורא באַם געניטן מאַן. צו שפּעט!
כ'האָב נישט געקלערט קיין בלעכטס, איצט האָב
איך עס.
גיב מיר אַן עצה, וואָס איז דאָ צו טאָן?

לעאָנאָרע

ווי שווער אַן עצה קומט, פֿילסטו אַליין
נאָך דעם, וואָס ד'האָסט געזאָגט. ווייל דאָ איז נישט
קיין ספֿסוך צווישן גלייכגעשטימטע הערצער;
דעם מאַכן ווערטער, יאָ אין ערגסטן פֿאַל
די וואָפֿן לייכט און גליקלעך ווידער גוט.
צוויי מענער זענען עס, דאָס פֿיל איך לאַנג,
וואָס זענען שונאים זיך, ווייל ס'האָט די טבע

פון ביידע נישט געפּאָרעמט איינעם נאָר.
און וואָלטן זיי צו זייער גליק זיין קלוג,
טאָ וואָלטן זיי זיך פריינטשאַפטלעך פאַרבונדן;
זיי וואָלטן דעמאָלט שטיין ווי איינער און
מיט מאַכט און גליק און פרייד דורכן לעבן גיין.
כ'האָב דאָס אַליין געהאָפט, דאָך כ'זע, ס'אומזיסט.
דער היינט'קער סכסוך, מעג ער זיין ווי ר'איז,
איז אויסצוגלייכן. נאָר דאָס זיכערט אונדז
להבא נישט, פאַרן ערשטן מאָרגן נישט.
אַמבעסטן איז, וואָלט איך געמיינט, אַז טאַססאָ
זאָל אויף אַ צייט אַוועק פון הי. ער קאָן
קיין רוים, צי קיין פלאָרענץ זיך קערן, דאָרט
וואָלט איך אין צוויי־דריי וואָכן אים געטראָפן,
אויף אים אַלס חברטע משפיע זיין.
און דו וואָלסט דאָ דערווייל אַנטאָניאָן,
וואָס איז אונדז אַזוי פרעמד געוואָרן, נענטער
געבראַכט צו זיך אויפסניי, און צו דיין פריינט.
אַזוי וואָלט אפשר אונדז געשענקט, וואָס ס'דאַכט
אוממעגלעך זיך, די צייט, דער בעסטער רופא.

פרינצעסין

דו ווילסט פאַר זיך, מיין ליבע, די הנאה,
און איך זאָל מאַנגל ליידן? הייסט דאָס יושר?

לעאָנאָרע

ס'וועט דיר נישט גאָר נישט מאַנגלען, סיידן דאָס,
וואָס קאָנסט אין דאָזיקן פאַל סיי ווי נישט האָבן.

פרינצעסין

זאָל איך אַזוי אָן מי אַ פריינט פאַרטרייבן?

לעאָנאָרע

דערהאַלטן, דעם לפנים נאָר פאַרטריב'נעם.

פרינצעסין

מיין ברודער וועט אים נישט מיט חשק לאָזן.

לעאָנאָרע

וועט ער עס זען ווי מיר, טאָ גיט ער נאָך.

פרינצעסין

ס'איז אַזוי שווער צו שטראָפן זיך און פרייַנט

לעאָנאָרע

און פאָרט העלפסטו אַרויס דעם פרייַנט אין דיר.

פרינצעסין

איך וועל נישט זאָגן יאָ, אַז ס'זאָל געשען.

לעאָנאָרע

טאָ וואַרטזשע נאָך אַ גרעס'רע צרה אָפּ.

פרינצעסין

דו פייניקסט מיך און ווייסט נישט, צי דו נוצסט.

לעאָנאָרע

ס'וועט באַלד זיך לאָזן זען, ווער ס'האָט דעם טעות.

פרינצעסין

און זאָל עס זיין, טאָ פרעג מיך שוין נישט לענגער!

לעאָנאָרע

ווער ס'פּאַסט זיך אָפּ באַ זיך, באַזיגט דעם ווייטיק.

פרינצעסין

כ'האָב עס באַ מיר נישט אָפּגעמאַכט. נאָר דאָך,
כ'באַשטיי, ווען ער זאָל נישט אויף לאַנג אַוועק.

און לאָמיר פאַר אים זאָרגן, לעאָנאָרע,
ער זאָל נישט דאַרפן שפּעטער נויט צו ליידן,
אַז ס'זאָל דער הגמון אים להבא אויך
מיט גוטן ווילן זיין פּרנסה געבן.
רעד מיט אַנטאָניאָ, ווייל באַ מיין ברודער
האָט ער אַ דעה, און וועט נישט דעם סיכסוך
געדענקען ווען אונדז און אונדזער פּרייגט.

לעאָנאָרע

ס'וואָלט מער באַטייט איין וואָרט פון דיר,
פּרינצעסין!

פּרינצעסין

איך קאָן דאָס נישט, מיין חברטע, דו ווייסט,
אַזוי ווי ס'קאָן מיין שוועסטער פון אורבינאָ,
פאַר מיר און מייניקע וואָס ס'איז אויסבעטן.
כ'לעב גערן שטיל פאַר זיך אין וועלט אַריין,
און נעם פון ברודער מיט א דאַנק אָן אַלץ,
וואָס ער געפינט פאַר נייטיק מיר צו געבן.
דאָס האָב איך מיר אַליין נישט איינמאָל נאָר
אויך אויפגעוואָרפן. כ'בין עס שוין אַריבער.
ס'האָט מיך אַ חברטע שוין אָפט געמוסרט:
דו קלערסט קיין זאַך פאַר זיך, האָט זי געזאָגט,
דאָס איז גאַנץ שיין. נאָר טוסט עס אַזוי ווייט,
אַז דו קענסט אויך די פריינטס באַדערפעניש
נישט פילן ווי עס דאַרף צו זיין. איך לאָז
עס גיין און מוז דעם פאָרוווּרף שוין דערטראָגן.
אַזויפיל מער דערפרייט עס מיך, וואָס איצט
קאָן איך דעם פּרייגט באמת נוצלעך זיין.
עס פאַלט מיר צו ירושה פון מיין מוטער
און איך וויל גערן העלפן אים פאַרזאָרגן.

לעאָנאָרע

און איך, אָ פירשטין, בין איצט גראָד בכח

זיך אויך, ווי ס'פּאַסט אַ חברטע, צו שטעלן.
ער קען נישט גוט בעל-ביתען. וועל שוין איך
געשיקט אים העלפן, ווו עס וועט אים פעלן.

פרינצעסין

טאָ נעם אים צו, און מוז איך מיך באַגיין
אָן אים, כ'פאַרגין אים גיכער דיר ווי וועמען:
איך זע שוין גוט, אַזוי וועט בעסער זיין.
מוז איך דעם דאָזיקן שמאַרץ שוין ווידער
פאַר אַ רפואה און אַ טובה האַלטן?
דאָס איז מיין מזל זינט מיין פריסטער יוגנט.
דער היזק פון דעם שענסטן גליק איז האַלב,
ווען נישט אויף זיכער ווערט דערויף גערעכנט.

לעאָנאָרע

איך האָף דיך, אַזוי שיין, ווי דו פאַרדינסט,
צו זען נאָך גליקלעך.

פרינצעסין

לעאָנאָרע! גליקלעך?
ווער איז דען גליקלעך? כ'וואָלט אַזוי אפילו
מיין ברודער יאָ גערופן, ווייל זיין האַרץ,
דאָס גרויסע, טראָגט זיין גורל שטענדיק גלייך;
נאָר וואָס אים קומט, ווערט קיינמאָל אים באַשערט.
צי איז מיין שוועסטער פון אורבינאָ גליקלעך?
די שיינע פרוי, דאָס איידלע, גרויסע האַרץ!
זי ברענגט דעם יינגערן מאַן קיין קינדער נישט;
ער שעצט זי, לאָזט עס איר נישט פילן,
דאָך וווינט קיין פרייליכקייט אין זייער הויז.
וואָס האָט גענוצט איר קלוגשאַפט אונדזער מוטער?
איר קענטעוודיקייט און איר גרויסער חוש?
האָט ער באַשיצט זי פאַר דעם פרעמדן טעות?
מ'האָט זי אונדז צוגענומען. ז'איז איצט טויט;
זי האָט אונדז, קינדער, נישט די טרייסט געלאָזט,

אַז ז׳איז געשטאָרבן מיט איר גאָט בשלום.

לעאָנאָרע

אָ קוק נישט נאָך נאָך דעם, וואָס יעדן פעלט;
באַטראַכט, וואָס יעדן איינעם בלייבט נאָך איבער!
וואָס בלייבט נישט איבער דיר, פרינצעסין?

פרינצעסין

מיר?
געדולד, עלעאָנאָרע, זי האָב איך
פון יוגנט אויף זיך איינגעחזרט. ווען
ס׳האָט יע׳ער זיך געוויילט באַ שפיל און סעודות,
האָט מיך אַ קרענק געבונדן צו דער שטוב,
און כ׳האָב מיך אין געזעלשאַפט פון די צרות
געלערנט רעזיגנירן פרי. נאָר איינס
האָט אין דער איינזאַמקייט פאַרשאַפט מיר חיות;
די פרייד פון דעם געזאַנג. כ׳האָב מיך געוויילט
מיט זיך אַליין. כ׳האָב שמאַרץ און בענקשאַפט און
אַ יעדן ווונטש פאַרוויגט מיט שטילע לידער.
ס׳האָט דעמאָלט זיך מיר לייד פאַרקערט צו תענוג
און ס׳טרויריקסטע געפיל צו זיסן ווילקלאַנג.
נישט לאַנג איז מיר דאָס גליק באַשערט געווען.
אויך דאָס האָט מיר דעם דאָקטאָרס שטרענג געבאָט
פאַרווערט. באַשטימט צו לעבן און צו ליידן,
האָב איך די קליינע טרייסט געמוזט זיך קאַרגן.

לעאָנאָרע

אַזויפיל פריינט האָסטו צו זיך געטראָפן,
דו ביסט געזונט און פרייסט דיך, וואָס דו לעבסט.

פרינצעסין

איך בין געזונט, דאָס הייסט איך בין נישט קראַנק;
און פריינט אויך האָב איך, וועמענס טריישאַפט
מאַכט

מיך גליקלעך. אויך האָב איך געהאַט איין פריינט

לעאָנאָרע

דו האָסט אים נאָך.

פרינצעסין

און וועל אים באַלד פאַרלירן.
די רגע, ווען כ׳האָב אים צוערשט דערזען
האָט פיל באַטייט. כ׳האָב דעמאָלט אָפגעקאָטעמט
פון מיינע שמאַרצן. לייד און קראַנקייט האָבן
קוים אָפגעטרעטן. שטיל האָב איך שוין ווידער
געקוקט אין לעבן, מיך מיטן טאָג געפרייט,
מיט שוועסטער און מיט ברודער, איינגעצויגן
דעם ריינסטן באַלזאַם פון דער זיסער האָפנונג.
איך האָב געוואַגט, פאָרויס אין לעבן ווייטער
אַריינצוזען, און פון דערווייטנס האָבן
געוווּנקען פריינטלעכע געשטאַלטן. דעמאָלט,
עלעאָנאָרע, האָט מיין שוועסטער מיר
דעם פריינט געבראַכט. ער איז מיט איר געקומען
און, כ׳בין עס מודה, דעמאָלט האָט מיין האַרץ
אים אויפגעכאַפט און וועט אים אייביק האַלטן.

לעאָנארע

מיין פירשטין, דאַרפסט נישט קיין חרטה האָבן.
דאָס איידלע צו דערקענען איז אַ ריוח,
וואָס קאָן אונדז קיינמאָל צוגענומען ווערן.

פרינצעסין

מ׳דאַרף פאַר דעם שיינעם, אויסגעצייכנטן
ווי פאַר דעם פלאַם זיך היטן, וועלכער נוצט
ווילאַנג ער פלאַקערט בלויז באַ דיר אין קיך,
ווילאַנג ער גוט זיין שיין דיר פון דעם פאַקעל,
ווי ליב! ווער וויל, ווער קאָן אָן אים דאַן לעבן?
נאָר אומגעהיט, ווען ער הייבט אָן צו בראָיען,

ווי אָרעם קאָן ער מאַכן! לאָז מיך איצט.
כ'האָב מיך צעפּלאַפּלט, בעסער וואָלט איך אויך
פאַר דיר פאַרשוויגן, ווי כ'בין שוואַך און קראַנק.

לעאָנאָרע

די קראַנקהייט פון געמיט צעלאָזט זיך לייכט,
ווען מ'רעדט זיך אויס דאָס האַרץ און מען
פאַרטרויט זיך.

פרינצעסין

ווען צוטרוי היילט, ווער איך אַבאַלד געהיילט.
איך האָב עס ריין און האָב עס גאַנץ צו דיר.
מיין חברטע! כ'האָב מיך אפילו שוין
אַנטשלאָסן. זאָל ער ציִ'ן. נאָר כ'פיל פאָרויס
דעם לאַנגן, ברייטצעצויגענעם שמאַרץ פון טעג,
ווען כ'מוז פאַרגעסן, וואָס ס'האָט מיך געפרייט.
די זון הייבט שוין נישט אויף פון מיינע אויגן
דאָס שיין פאַרטראַכטע בילד פון די חלומות.
די האָפנונג, אים צו זען, וועט שוין נישט פולן
דאָס קוים דערוואַכטע האַרץ מיט פריידנבענקשאַפט.
מיין ערשטער קוק אַראָפּ אין אונדזערע גערטנער
זוכט אים אומזיסט אין ראָסע פון די שאָטנס.
ווי שיין צעפרידן איז געווען דער ווונטש,
מיט אים צו זיין אין יעדן לויטערן אָוונט!
ווי האָט זיך אין פאַרקער פאַרגרעסערט דער
פאַרלאַנג,
זיך מער צו קענען, מער זיך צו פאַרשטיין!
און טעגלעך שענער אַלץ האָט דאָס געמיט
זיך אויפגעשטימט צו ריינע האַרמאָניען.
וואָס פאַר אַ בין־השמשות קומט אַציגד!
די פראַכט פון זון, דאָס פריילעכע געפיל
פון צייטיקן טאָג, דאָס גלאַנצנרייכע דאָזיין
פון טויזנטפאַכעדיקער וועלט איז פוסט
פאַרהילט אין נעפל, וואָס נעמט מיך אַרום.

ביז היינט איז מיר דער טאָג געווען אַ לעבן;
געשוויגן האָבן זאָרג און פאַרגעפּיל,
און אויף אַ גליק-שיף האָט אונדז מיטגעטראָגן
אויף לייכטע כוואַליעס אין זיין גאַנג דער טייך:
אַצינד באַפאַלן בּאַ דעם טריבן היינט
דעם עתידס שרעקן דאָס פאַרקלעמטע האַרץ.

לעאָנארע

דער עתיד גיט דיר דיינע פריינט צוריק
און ברענגט דיר נייע פרייד, און שענער גליק.

פּרינצעסין

וואָס איך פאַרמאָג, וואָלט איך געוואָלט שוין האַלטן.
דאָס בייטן ווילט, דאָך נוצט נוצט עס קוים.
מיט יוגנטלעכער בענקשאַפט האָב איך קיינמאָל
די הענט אין גורל-טאָפּ געשטופּט מיט חשק,
פאַר מיין באַדאַרפנדיק און אומגעניט
געמיט אויף טרעף צו כאַפּן אַן אָביעקט.
איך מוז אים ערן, דרום האָב איך איך ליב;
איך מוז אים האָבן ליב, ווייל ס׳ווערט מיין לעבן
מיט אים ערשט צו אַ לעבן, שיין און ניי.
כ׳האָב ערשט געקלערט: דערווייטער דיך פון אים!
כ׳האָב אים געווייכט, און אַלץ מיך פאָרט
דערנענטערט,
זיס איינגענאַרט, און אַזוי האַרט געשטראָפט!
אַ כשר, אמת גוטס אַנטרינט פאַר מיר,
און פאַר מיין בענקשאַפט וואַרפט אַ משחית אונטער
שטאָט פרייד און גליק פאַרוואַנדטע ווייטיקן.

לעאָנארע

אויב ס׳קאָן אַ חברטאָרנס וואָרט נישט טרייסטן,
טאָ וועט די שיינע וועלט, די גוטע צייט
דיך, איידער נאָך דו קוקסט דיך אום, דערקוויקן.